# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 14 - May 1958 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7mt1j55b

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 14(1)

**Publication Date**
1958

**Copyright Information**
Copyright 1958 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 14

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז

אייר, תשי״ח — מאַי, 1958

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


ו. נאַטאַנזאָן — „א לוצקיס דיכטונג אין אַ פילאָזאָפיש ליכט" . . . . 3

א. לוצקי ע"ה — „אַ שטיין אין פעלד" (ליד) . . . . . . . . 9

חיים פעט — „א. לוצקי און זיינע אימפּראָוויזאַציעס" (פען־שטריכן) . . . 10

מלכה חפץ־טוזמאַן — „איך וועל ניט פאַרגייען", „אומגליק", „טראַגיק" און „פאַרוואָס ?" (לידער) . . . . . . . . . . . . . 12

מ. פערעלמוטער — „בונטער מאַסקאַראַד פון קול דממה דקה" (רעצענזיע) . 13

אסתר שומיאַטשער־הירשביין — „זומער־לעב" (ליד) . . . . . . . 18

ה. לאַנג — „גאָט שטראָפט זיי" (אָפּהאַנדלונג) . . . . . . . 19

י. פרידלאַנד — „זיין גרויסער נסיון" (דערציילונג) . . . . . . 23

דוד אַפּאַלאָוו — „מיט אַ זייטיקן געסל" (ליד) . . . . . . . . 30

ד"ר חיים ראַטבלאַט — רחל—די דיכטערין פון גורל און ליידן" (אָפּשאַצונג) . . . . . . . . . . . . . . . . . 31

דניאל פערסקי — „דער שרייבער אין פּראָצעס פון זיין שאַפן" (עסיי) . . 36

פּינטשע בערמאַן — „דאָס ליד פון לעבן" (ליד) . . . . . . . . 37

ברכה קודלי — „האָרא" (ליד) . . . . . . . . . . . . 38

ז. בונין — „איך בין אַ נשרף" (ליד) . . . . . . . . . . 39

י. פ. — „חשבון הנפש אין אונדזער קולטור־טואונג" . . . . . . 41

יצחק ניומאַן — „אליהו הנביא" (לכבוד פסח) . . . . . . . . 46

א. כראַבאַלאָווסקי — „לאַנגער רעפעראַט מיט אַ קורצן סוף" . . . . 48

א. באַביטש — „פען־שפריצן" . . . . . . . . . . . . 52

ליטעראַרישע נאָטיצן . . . . . . . . . . . . . . 53

בריוו פון פריינט פון „חשבון" . . . . . . . . . . . . 56


---

# "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)


רעדאַקציע־ראַט : וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו :

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

מכוח דער באַנייאונג פון אייער אַבאָנעמענט ווענדעט זיך צו אונדזער סעק. :

A. CHRABOLOWSKY, 1312 Lyman Pl. Los Angeles 27, California

**וו. נאַטאַנסאָן**

# א. לוצקים דיכטונג אין אַ פילאָזאָפיש ליכט *

„דאָס אינווייניקסטע קערנדל פון יעדער עכטער און ווירקלעכער דערקענטעניש איז אַן עמפּינדונג" — זאָגט שאָפּענהאַוער — און איטלעכס אָריגינעל דענקען קומט פאָר אין פאָרשטעלנגען".

לוצקיס עמפּינדונגען און פאָרשטעלונגען טראָגן אין זיך אָריגינעלע און טיפע דערקענטענישן, הויכע און וואָגיקע געדאַנקען, און זיי וואַקסן אַרויס און זעצן זיך דורך אין געזאַנג, טאַנץ און באַוועגונג. אַלץ אין דער וועלט איז ריטם און באַוועגונג. און אַלץ וואָס איז ריטמיש און אַלץ וואָס באַוועגט זיך — לעבט. אין אַלץ וואָס לעבט פילט לוצקי אַ ווילן, אַ וויסן און אַ דענקען, אַלץ אין דער וועלט פילט, ווייס און דענקט מיט אַ ווייניקערער אָדער מערערער אינטענסיוויטעט, מיט אַ ווייניקערער אָדער מערערער גרינטלעכקייט און טיפקייט.

אָט דערפאַר קוקן עס אויס צו לוצקין אפילו זיינע פינגער צו זיין למדנים. זיי זעען אויס צו אים ווי זיי זאָלן שטענדיק טראַכטן, און נישט נאָר יעדערער פאַר זיך, נאָר אויך בציבור. ער זעט זיי מאַכן אַן אסיפה, און בעת זיי רוקן זיך צונויף, זעט ער ווי דער מינדסטער פינגער שפּאַרט זיין פנימל אַרויף. ער זעט אפילו ווי דער נאָגל אויפן שטערן פונם מינדסטן פינגער איז פילאָסאָפיש פאַרדרייט, בעת ער אַ דערשראָקענער הערט זיך אין עפּעס איין, און די איבעריקע פינגער שטוינען שטומערהייט. ווען לוצקי האַלט אַ בוך געעפנט, זעט ער און פילט ווי זיינע פינגער

קוקן אין אים אַריין,<br>
מיט די העלדזער אויסגעצויגן:<br>
ווערטער, זאָגט אונדז, וואָס וועט זיין ? . . .

און דאָס וואָרט זאָגט לוצקין מער ווי אַ סך מענטשן, און ער, דורך זיין וואָרט, זאָגט מער פון אַ סך אַנדערע וואָרט־קינסטלער, מחמת פאַר לוצקין איז יעדער טראַף אַ קלאַנג, יעדעס וואָרט אַ געזאַנג; און וואו קלאַנג און געזאַנג, דאָרט איז פאַר אים אַ דערזעאונג, דאָרט איז פאַר אים אַ ליכטיקייט. אויף וויפיל ער פילט אין זיך געזאַנג, אויף אַזויפיל פילט ער אין זיך קלאָרקייט, ליכטיקייט, דערהויבונג און נאָענטקייט צו דעם וואָס איז הויך און ווייט. און דערפאַר זינגט ער וועגן זיך אַליין:

איך בין לויטער ליד.<br>
אַזוי ווי איילנדיקע דינע וואַסערלעך.<br>
מיט אַ קלאָרקייט פון פאַרנאַכטן איבער וועלדער.<br>
געזאַנג.<br>
באַנג.<br>
לויטער יאַנטעוו.<br>
אַ דערהויבענער פון זיך אַליין.<br>
אַ נאָענטער פון הויכע ווערטן.<br>
אַ ליכטיקייט צו גאָרע צייטן.

(אַ ליכטיקער)

---

* אַ פראַגמענט.

און נישט נאָר אַלץ וואָס איז אינווייניק אין לוצקין רעדט זינגענדיק און זינגט רעדנדיק, נאָר אויך אַלץ וואָס איז אַרום אים, איבער אים און אונטער אים — די טויטע אַזוי גוט ווי די לעבעדיקע וועלט, פאַרמאָגט לשון פאַר לוצקין. אין אַלץ כאַפּט ער אויף אַ ניגון, און אַלץ דערציילט אים וועגן עפּעס אַ טוּאונג און דערקענטעניש, וועגן אַ גלוסטעניש אָדער בענקעניש צו טוּאונג און דער־קענטעניש.

אין אַ נאַכט אַזאַ, ווען עס רעגנט נאָכאַנאַנד, פאַרנעמען לוצקיס אויערן אַ גערעדערײַ פון אַלע טויטע זאַכן.

אַ בלעכענער דאַך
האָט גערעדט אויף זײַן בלעכענעם לשון.
די שטיינערנע גאַסן האָבן גערעדט
אויף זייער האַרטער שפּראַך.
צעלאָפּענע וואַסערן האָבן גערעדט
און געעאָטעמט ווי ווײַטע פּייערן
דורך ווייסע אויפגעפּראַלטע טויערן
אין מײַנע אויערן . . .
זײַנען אומגעלאָפן ווינטען
דורך לאַנגן קאָרידאָר פון דער וועלט.
און האָבן שטיקער תוהו
אויף מיר געוואָרפן.

(רעגן בײַנאַכט)

און ווי מע האָט רחמנות אויף מענטשן, אַזוי האָט לוצקי רחמנות אויף די דעכער, וועלכע

שטענדיק ליגן זיי צעצויגן
און זיי קענען זיך נישט רירן.
הימל הײַנט און הימל מאָרגן.
ס'איז זיי נמאס שוין דאָס וואַרטן.

און ער בעט זיך בײַם רעגן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די דעכער און אַרונטערקוקן צו זיי, ווײַל קיינער ווײַל צו זיי נישט קומען: נישט דער הימל איבער זיי, און נישט די ערד אונטער זיי. ער ווײַל, אַז דער רעגן, וואָס נידערט אַראָפּ פון די הימלען, זאָל ברענגען עפּעס אַ וואָרט פון די העכערע מקומות, צו וועלכע זיי, ווי מיר מענטשן, האָבן נישט קיין צוטריט. דערבײַ לעבט זיך לוצקי אַזוי אַרײַן אין די געפילן און אין דער נשמה פון די וואָס פילן זיך נידעריקער פאַר אַנדערע, אַז ער דערפילט די שרעק וואָס באַפאַלט די נידעריקע, ווען די העכערע קומען שוין אַמאָל צו זיי אויס רחמנות. די שרעק פאַרביטערט אַלע־מאָל פאַר די נידעריקע דעם באַזוך פון די העכערע. לוצקי לעבט איבער זייערע געפילן אַזוי שטאַרק, אַז ער בעט זיך רחמים בײַם רעגן:

גיב אַ גיי אויף זיי פּאַמעלעך,
ווי דו וואָלסט פון גאַרניט וויסן,
זאָל עס הייסן, זאָל עס מיינען —
גלאַט אַזוי פאַרבײַגעגאַנגען.

האָב געדאַרפט אַ בוים דערפרישן
און אַ דאַמענקלייד צעקנייטשן.
וואָס זשע מאַכט איר עפּעס, דעכער?
וועלן זיי זיך נישט דערשרעקן.

דער רעגן דאַרף פריער מאַכן די דעכער דערפילן, אַז כאָטש ער קומט פון די הימלען, איז אים דאָך אייגן די הימלען גופא, דאָס וואָס גייט אָן אונטער די הימלען. און דערפאַר זאָל דער רעגן פריער פרעגן: וואָס מאַכט איר עפּעס, דעכער? און דערנאָך ערשט גייענדיק אַזוי, זיך צעטאַנצן, און טאַנצנדיק, אַזוי, זיי דערציילן וועגן די הויכן, וואָס זיי צו וויסן און פון זיי געוואוסט צו ווערן — ווילט זיך שטאַרק די אונטער־הויכן.

און לוצקיס נשמה טוט אַ לעב מיט דער פרייד פון די אומעטיקע דעכער, ווי ער לעבט מיט דער פרייד און לייד פון אַלץ אין דער וועלט — פון קליין ביז גרויס — און ער טוט אַ זינג:

ס'אַר אַ פרייד עס וועט זיך אָפּטאָן
אויף די אומעטיקע דעכער!
ווי זיי וועלן זיך צעזינגען,
און פון פרייד זיך אַזש צעוויינען
מיט אַ נחתדיקן נוסח
אַלע דעכער מיט אַמאָל!
איך וועל קוקן דורך די פענצטער,
שטילערהייט זיך אונטערהערן.
אפשר וועל איך פונם ניגון
עפּעס אויך פאַר מיר דערהערן.

נאָך מער ווי „צו אַ רעגן" איז דאָס ליד „נאָך אַ רעגן" כאַראַקטעריסטיש פאַר לוצקין, וועלכער כאַפּט אויף וואָרט און ליד אין אַלץ וואָס קומט פאַר אין אונדזער וועלט. לוצקי רעדוצירט די וועלט און מאַכט זי איינס מיט קלאַנג און וואָרט; ער דערפירט דעם קלאַנג צו יענער זייט וועלט און וועלט־צייט. און אַזוי אַרום דערהערן מיר דורך קלאַנגען אויך יענע ערגעצדיקע וועלט פון איידער־וועלט . . .

איידער די וועלט איז געווען —
איז קלאַנג געווען.
תוהו ובוהו האָט געוואָלט ווערן אויס תוהו ובוהו —
האָט זי געוואויעט איבער אַלע וויסטן.
קלאַנג האָט זיך געטויכט און געהויכט איבער אַלע ווילדן.
תוהו ובוהו האָט זיך געוואָלט כאַפּןביים אייגענעם עכאָ —
האָט זי זיך נאָכגעשריען —
אָ! — אָ! — אָ! —

און דערפאַר זינגט פאַר אים אויס דער הימל די וועלט אונדזערע מיט לאַנגע באָטן.

באַלד נאָכן רעגן דערזעט לוצקי פלעקן אויף די גאַסן. ער האָט אָבער באַלד חרטה אויף דער זעאונג, און אַזוי גייט ביי אים אַוועק אינם ליד „נאָך אַ רעגן"

אַ גאַנצע סדרה פון חרטהס — און פון פלעקן ווערן שפּריצן, און פון שפּריצן — שפּיצן, זיג־זאַג־העפטן, שטיקעריי, און פון דער שטיקעריי ווערט מאַלעריי.

הימל האָט מיט לאַנגע פּינזלען אויסגעמאָלט די טראַטוואַרן:

וועלדער — אונטער טריט.

ווילדע — אויף די ביימער.

באַלד ווערט אָבער אויס אויך מיט די וועלדער און ווילדע, און עס ווערן

קושנדיקע פּאָרלעך.

טאַנצנדיקע קינדער.

הימל האָט מיט צויבערשטעקנס

אויסגעחלומט אונדזער ערד.

אָבער לוצקיס מעטאַמאָרפאָזא פון פאָרשטעלונגען שטעלט זיך נישט אָפּ ביז ער קומט ניט צו ווערטער און לידער.

נישט קיין פּאָרלעך —

ניט קיין קינדער —

ווערטער.

לידער. —

הימל האָט מיט לאַנגע נאָטן

אויסגעזונגען אונדזער וועלט.

און אַ וועלט, וואָס אַ הימל האָט אויסגעזונגען, מוז דעם וואָס זעט און פילט זי, פאַרשאַפן ליכטיקייט און לויטערקייט. אַזאַ וועלט מוז אים פאַרכישופן מיט אירע וואונדער. זי מוז אים אָנפילן מיט געפילן פון הייליקייט און גליק־זעליקייט.

דאָס גליק אָבער, וואָס שטראָמט אַרויס פון דער הייליקייט און זעליקייט, איז אַנדערש ווי דאָס גליק, וואָס שטראָמט אַרויס פון וועלכע עס איז אַנדערע קוואַלן. גליקזעליקייט שליסט ניט אויס קיין אומעט און קיין עלנט, קיין לייד און קיין צער, פונקט אַזוי ווי זי שליסט ניט אויס די מעגלעכקייט צו פילן זיך געבענטשט און געהייליקט, געלייטערט און געליכטיקט.

מיט אָט דער גליקזעליקייט זייבען אָנגלאָדן לוצקיס אומעטיקע עלנטן, און דערפאַר זינגט זיך אים:

אויפגעלויכטענע מינוטן —

הייליק.

ערלעך.

ביז צום אויסצוגיין פון וואונדער.

איך חלום לויטערע ליכטיקייטן —

און עס טוט מיר ווי.

יעדע לויטערקייט מאַטערט מיך.

איך ווער פאַרצערט פון צויבער.

איבער אַליך דערזע איך טרויער.

אַלע מענטשן — ליכטיקע עלנטן.

אַלע אַמאָלן — לויטערע אומעטן.

צייטן און מענטשן — אויסגעפּוצטע האַרבסטן.

**יאָנטעוודיקע אונטערגאַנגען.**

צויבער־צער.

ציטער־צער.

לוצקי אָבער זעט און פילט ניט נאָר די ליכטיקייט און עלנטקייט, וואָס דרינגען דורך דעם מענטשן; נישט נאָר די אויסגעפּוצטע האַרבסטן און יאָנטעוו־דיקע אונטערגאַנגען, וואָס פילן אָן און נעמען דורך די מענטשלעכע נשמה און דעם מעטשנס גאַנצן וועזן, נאָר ער פילט און לעבט אויך דורך דעם טרויער, דעם געוויין און צער פון אַלץ, וואָס אָטעמט, ווי אויך פון אַלץ וואָס זעט אויס צו אונדז צו זיין אָטעמלאָז. ער פאַרנעמט דעם

ווײ־געשריי פון אַלע שפּראַכן

און דעם

שטומען צער פון אַלע זאַכן.

דעם

צעבראָזג פון אַלע צייטן

און

צעברויז פון אַלע ווייטן.

צו אים זיינען:

מענטש און חיה — איין משפּחה.
לייב און לעמל — איין מערכה.
פעלקער — וויינען אין די לענדער.
חיות — וויינען אין די וועלדער. (דזשעז)

אין דעם וואָס טרעפט מיטן פויגל זעט לוצקי דאָס, וואָס טרעפט מיט אַלעמען. „מיט אַלעמען אַזוי״ — איז דערפאַר ביי אים דאָס קאַפּל פון ליד: וועגן פויגל.

אַ פויגל פליט.
זוכט דאָס לעבן מיט די פליגל.
ביז ס׳טרעפט מיט אים.
ווערן זיינע אויגן גרויס,
און ער פאַלט אַראָפּ.
ציט זיך אויס פון זיך אַליין.
דעם קאָפּ אויף אַ זייט:
ניין . . .

דער ביין — איז דער סוף פון אַלץ וואָס זוכט, ווייל אין דעם געפינען איז דער אָנהויב פון אַ נייער זוכעניש. אַלץ אין דער וועלט זוכט דאָס לעבן, ביז סע קומט דער טויט און רוימט איין דעם אייביקן ניין — דעם ביין פון דעם דערוועלטיקן זיין.

און ווען לוצקי, רוענדיקן אין אַ רעגן און שטילנדיק אין אַ שטורעם, הערט ווי ווינטן וויגן וועלדער, און ווי וואַסער פאַלט אין פאַלן פון אַ וואַסערפאַל אויף פעלדער, הערט ער און דערזעט נישט נאָר ווינטן, נאָר:

ווינטן.
וועלדער.
מענטשן.
שטעט.
אַלע שיפן זיך און שווימען.
אין אַ ווייטער וועלט אַ ווילדער. (אין אַ רעגן)

און ווען לוצקי זינגט:

און פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגן,
האָט דאָס קיילעכדיקע נפשל
אַ לעצטן ציטער געטאָן
און זיך אויסגעצויגן

— — — — — — —

זיינען אַלע הייזער בלאָס געוואָרן פון שרעק,
און האָבן גענומען ציטערן
מיט זייערע גרויסע גלעזערנע ציין . . .

ווען ער זינגט אַזוי — איז ווען־מען וואָלט עס איינגעפאַלן, אַז דאָ האַנדלט עס זיך וועגן „אַ פאָדעם, לאַנג ווי אַ שלענגעלע", וואָס האָט זיך דערטרונקען אין אַ טייכעלע, — אינם טייכעלע, וואָס האָט זיך דורך אַ צעעפנט פענצטעד אין אַ נאָענט הויז אַרויסגעכאַפּט פון אַ שיסל, און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע אויף דער ערד. דאָרט האָט עס אָפּגעוואַרט דעם פאָדעם, וועלכער איז ווי אַ רע־דעלע געלאָפן איבער דער לענג אויפן טראָטואַר אין שרעק פון אַ שטורעם . . . ? — פאַרוואָס זשע איז עס איינגעפאַלן לוצקין ? — ווייל אין לוצקיס צוויבער־צער, ציטער־צער, ווערט פאַרנומען אפילו פון אַ פעדעמל דער לעצטער ציטער.

אָן אַ שיעור פאַרוויקלט און פאַרפלאָנטערט זיינען דעם מענטשנס געפילן. פון איין זייט ווערט דער מענטש באַהערשט פון געפילן פון רחמנות צו זיך אַליין — צו דעם אַליין וואָס איז אַרומגערינגלט און איינגעשלאָסן אין אַ מעכ־טיקער, אומברחמנותדיקער אַלץ איינשליסנדיקער און אַלץ פאַרניכטנדיקער וועלט. און אָט קומט פּלוצלונג אַן אַנדער מאָמענט, און דערזעלביקער מענטש דערפילט זיך אונטער דער שליטה פון רגשים, פון אינטימקייט מיט דער אומענדלעך גרויסער וועלט. ער דערפילט זיך אויף אַמאָל אַ באַהעפטער מיט איר אַזוי אַז ער קאָן אַ געשריי טאָן צו איר, צו דער דאָזיקער גראַנדיעזער און מיסטעריעזער וועלט: וויפיל דו ביסט איך, בין איך דו, וויפיל ס'איז אין מיר פאַר דיר, איז אין דיר פאַר מיר. מיינע תוכנס און מהותן מאַכן דיך וואָס דו ביסט, פונקט אַזויפיל ווי דיין אויסערלעכקייט און אינערלעכקייט מאַכן מיך וואָס איך בין! אין דעם וואָס איך דערפיל זיך אין דיר און דיך אין מיר ליגט די ווערט און דער זין פון אונדזערביידנס זיין איצט און אַלע מאָל! דער אַלעמאָל אָבער איצטער וועבט אונדז ביידן אַריין אין דער אייביקייט. די אייביקייט — אין דויער, די דויער — אין שעפערישקייט, און די שעפערישקייט — אין סינטעז פון איב־האַלט און אַנהאַלט, זין און ווערט! דער דאָזיקער סינטעז איז דער ליכטזייל פאַר אונדזערע באַגערן, זוכענישן און טואונגען. אָט דעם דאָזיקן פאַרפלאָנטערטן און פאַרוויקלטן געפיל פון פרעמדקייט און אינטימקייט מיט דער וועלט רעגט אין אונדז לוצקי, ווען ער, מיט זיין פאַנטאַזיע און מיט זיין נאָענטקייט צו אַלץ אין דער וועלט, פאַרזעצט זיך אין דער געשטאַלט פון פליגעלע ביינאַכט אין פעלד, און זינגט:

אַ פליגעלע פליט:
זש זש זש זש.
פליגעלע קליין —

טראָגט זיך אַליין.
אין בלויען וואו,
אין רויער רו.

# אין הייליקן אנדענק פון א. לוצקי, ע״ה



א. לוצקי

א. לוצקי

## אַ שטיין אין פעלד*

אַ שטיין אין פעלד — אַ גרויסער פּעסימיסט.
אַ שווערער פילאָזאָף.

ניט פאַר זיך — און ניט פאַר יענעם.
ניט פאַר אַלעם — ניט פאַר איינעם.
קיינעם.

זיך אַוועקגעלייגט און ליגט.
איינגעקנאָטן זיך און דריקט.

ליגט אַ הוילער, אָן אַ העמד,
און נישט ער גיט און נישט ער נעמט.

ער נעמט נישט איין קיין ברויזל שניי,
ער טרינקט נישט אוים קיין טראָפּן טוי.
אַזוי.

אַ שטורעם בוכטשעט אים אין פּלייצע —
בוכטשע.

* דאָס ליד „אַ שטיין אין פעלד״, פון פּאָעט א. לוצקי, איז געווען געדרוקט זונטיק, יאַנואַר 13טן, 1952, אין בוך־רעוויו פון דער ‚ניו יאָרק טאַימס״, איבער־זעצט פון דעם יידיש־ענגלישן שריפטשטעלער סעמועל קרייטער. — רעד.

אַ רעגן פליאַסקעט אים אין פּנים —
פליאַסקע.

אַ האַגל שפּרינגט אים אויפן שטערן —
שפּרינג.
אַ שטיין.

ניט באַרוישט אין פרילינג,
ניט אַנטווישט אין האַרבסט.

אַלעמאָל אַלצאיין.
מיט אַלעמען — אַליין.
ניט צו בליען, ניט פאַרגיין.

שטיין, וואָס טוסטו דאָ?
— איך רו.

ביז וואַנען וועסטו רוען?
— ביזן סוף פון אַלע שעה׳ען.

שטיין!
טו זיך כאַטש אַ שאָקל!
כאַטש אַמאָל אַ וואַקל!

— ניין:

אַלץ וועט ווערן שטיין —
אין ענדלעכן סך־הכל . . .

---

**חיים פּעט**

# א. לוצקי און זיינע אימפּראָוויזאַציעס

פּען שטריכן

א. לוצקי פלעגט אַריינמאַרשירן אין קאַפע פון די שרייבער שפּעטלעך. סע זיינען שוין געווען אַ סך אָפּגעליידיקטע טישלעך. ביי איינעם פון די טישלעך פלעגט לוצקי אַוועקשטעלן זיין לעדערנעם גרינגן טעשל. און מערקווירדיק, די שרייבער וואָס פלעגן אַריינקוקן דורכן ברייטן פענצטער, זיינען שוין אַריין אין דער קאַפעטעריע. באַלד זיינען שוין די שרייבער געזעסן אַרום לוצקין ברייט אין אַ ראָד. מע האָט געזען אין זייער אומגעדולדיקייט, זיי זיינען אַריין אויף אַ וויילע. אָבער זיי זיינען שוין געבליבן זיצן שמייכלענדיקע, לאַכנדיקע פון לוצקיס באַמערקונגען, זיינע אימפּראָוויזאַציעס.

— לאָמיר אייך דערציילן, קינדערלעך, וועגן אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״.

און לוצקי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ שויבער געטאָן די האָר אויפן קאָפּ. האָבן שוין די שרייבער געהילכט.

— דעם ערשטן מאָל, איך בין געשטאַנען ביי דער טיר פון אַב. קאַהאַנס צימער אין „פאָרווערטס״ רעדאַקציע. איך ווייס נאָר, די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן און אַב. קאַהאַן, ווי אַ גרויסער פיש, האָט מיך איינגעשלונגען.

ער האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער: לוצקי! איר זיינט אַ גרויסער פּאָעט. איר שטייגט איבער אַלע גראַמען-מאַכער. ער האָט זיך אָפּגעבויגן. אַ בערשטל געטאָן די בייזע, האַרטע וואָנסן:

— אָבער סע טויג ניט פאַרן „פאָרווערטס״! — האָט ער געשריען. ער האָט זיך צוריק צוגעבויגן, געשטילט געשעפּטשעט: איר זיינט אייגנאַרטיק איינציק ביי יידן. אָבער די „ייאָרווערטס״-לייענער וועלן אייך ניט פאַרשטיין, האָט ער געליאַרמט. און אַלע שרייבער אין די אָפענע צימערן אין „פאָרווערטס״-רעדאַקציע האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

די שרייבער אַרום לוצקין האָבן זיך צעפאָרן איבער די שטולן. לוצקי, טייערער, האָבן זיך געהערט שטימען, גיט נאָך אַ נומער.

— נו, לאָמיר אייך דערציילן ווי אברהם רייזען איז געוואָרן אַן אַמעריקאַנער בירגער . . . — ער האָט אָפּגערוקט דעם שטול, האָבן שוין די שרייבער געלאַכט. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט מען געלאַכט. ער האָט פאַרקאַמט מיט די פינף פינגער פון זיין רעכטער האַנט די האָר אויפן קאָפּ, האָט מען זיך שוין געקאַטשעט פון געלעכטער. ווייל מע האָט דערזען אברהם רייזענען אָפּגעשפּיגלט . . . און לוצקי האָט זיך פאַרקירעוועט מיט אַן אַנדער אימפּראָוויזאַציע.

— חבר לוצקי! איך פאַרוועր אייך, איר מאַכט פענדזשע פון מיר.

— רייזען! רייזען ווער לאַכט פון אייך. — לוצקי, איך וואָרן אייך, איך קען אייך אפילו פאַרקלאָגן, ס׳איז אַמעריקע! ניט הפקר פּעטרישקע . . .

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר און סע האָט זיך באַוויזן נפתלי גראָס. ער האָט געגאָענט, און טאַקע גלייך צו מיר, מיט אָנגעשוואָרטע ברעמען — לוצקי, מע דערציילט, איר מאַכט חוזק פון מיר. איך וועל אייך רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איך וועל אייך . . .

אברהם רייזען האָט זיך אויפגעהויבן, געשלאַנקט: — קאָלעגע גראָס! איר קענט ניט פאַרווערן. אַ קינסטלער מעג. אַ קינסטלער איז פריי, בפרט אַזאַ קינסטלער ווי אונדזער לוצקי! אונדזער שיינדל, בפרט הומאָר. לאָמיר באַגריסן אַ. לוצקין, דעם גרויסן קינסטלער, וואָס דערפרייט אונדז, וואָס באַנייט אונדז. בראַוואָ! און זיין גרויס באַגייסטערונג האָט אַראָפּגעליכטיקט פון זיין פּנים. דערנאָך האָט לוצקי געלייענט:

שרייט אַן אַלטער בוים אַ שרייער:
גאָט באַפריי אונדז פון באַפרייער.
פלאַנצן מידע,
פלאַנצן מאַטע,
אַלע פרומען
„ברוך אתה״ . . .

און די שרייבער זיינען געזעסן פאַרשטילטע, אָוועקגעטראָגענע פון די מעלאָדישע, אָנגעחנטע, אויסגעפורעמטע לוצקישע לידער.

**מלכה חפץ טוזמאַן**

## איך וועל ניט פאַרניינען

גייסט-פעדים, ניט פון היינט, ניט פון נעכטן —
זיי ציען פון דור-דורותדיקן קנויל:
פון איידער „גוטן”, פון איידער „שלעכטן”,
ווען „עגאָ” איז געלעגן אין פאַרהויל.

אויפגעהיט, דעם שטויב פון דעם געבלאָזן
ט'מיין גורל ביז מיין קומען דאָ אַהער
נאָכדעם ביי מיין וויגעלע געלאָזן
אין אַ פאַרשטעלטקייט פון אַ גרויסער טרער.

כ'האָב דערקענט אין ערשטקייט פון מיין לעבן
די צערן וואָס עס טריפט אין מיר אַריין.
כ'היט עס אָפּ געטריי און איבערגעבן:
עס פורעמט מיך, איז זים דערפאַר די פיין.

איר רעכט אויף מיר וועל איך ניט פאַרניינען;
שטענדיק שוין אַזוי מיט איר אַליינען.

---

## אומגליק און טראַגיק

דער צאָרן פון גאָט איז „אומגליק”,
נאָר „טראַגיק” איז פויסט פון אַ מענטש.
אין מבול איז קיינער ניט שולדיק —
ס'איז צאָרן פון גאָט; ס'איז „אומגליק”.
האַפּ און וואָרט איבער געדולדיק
נאָכדעם מיט יראה גומל דו בענטש.
יאָ, צאָרן פון גאָט איז „אומגליק”,
נאָר „טראַגיק איז פויסט פון אַ מענטש.

---

## פ אַ ר וו אָ ס ?

זע, חסדים וואַקסן אויף די ביימער
און גענאָדן שפּראָצן פון דער ערד,
דרינג איך מיר דערפון אַ קל-וחומר:
יאָ, חסדים וואַקסן אויף די ביימער.
און מיר פאַרוואָס, אָ, האַר מיינער און שומר
צו זיין אַ קוואַל פון גוטסקייט ז'ניט באַשערט
אַז חסדים וואַקסן אויף די ביימער
און גענאָדן שפּראָצן פון דער ערד?

מ. פערעלמוטער

# בונטער מאַסקאַראַד פון קול דממה דקה

## וועגן נח גאָלדבערגס ניי בוך „אויף צעוואָרפענע וועגן"

אין דער וועלט־ליטעראַטור פאַרנעמט די קליינע דערציילונג אַ ביז גאָר חשוב אָרט: טשעכאָוו און בונין ביי די רוסן, מאַפּאַסאַן ביי די פראַנצויזן, אָ'העגרי ביי די אַמעריקאַנער — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע — זיינען איינגעפונדעוועטע, ווייט און ברייט, באַקאַנטע נעמען. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין אייגענע נישע אין אַקאַדעמישן קינסטלער־פּאַנטעאָן פון זיין לאַנד. ביי אונדז ווערט די קליינע דערציילונג בלויז טאָלערירט. ניט געקוקט דאַרויף, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט שוין אַזעלכע קלאַסישע עקספּאָנאַנטן פון דער קליינער דער־ציילונג, ווי רייזען, אָפּאַטאָשו, נאָמבערג, ווייסנבערג, יונה ראָזנפעלד א"אַ, ווערט דער סאָרט ליטעראַטור, ביי אונדז, נאָך עד היום אַקצעפּטירט מיט אַ געוויסן גרינגשאַץ. טראַדיציאָנעל איז דער יידישער לייענער אויפגעצויגן געוואָרן אויפן גרויסן ספר. דער חומש, די גמרא, דער משניות האָט געשאַפן ביי אים באַציאונג. אַ יראת־הכבוד־דיסטאַנץ. און נישט נאָר צוליבן רעליגיעזן תוך פון ספר, נייערט אויך מחמת זיין אימפּאָזאַנטן אויסערלעכן פּנים. רב נחמן בראַצלאַווערס קורצע משעות זיינען דער אויסנאַם, מחמת דער חסידיש־עקזאַלטירטער לופט, וואָס הילט זיי איין. אָבער אויך זיי זיינען קאַנאָניזירט בלויז פון אַ קליינער סעקטע. דעם רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק בלייבן זיי אומבאַקאַנט.

אַזאַ באַציאונג צו דער קליינער דערציילונג איז דורכאויס אומבאַרעכטיקט. אויב דער קליינער דערציילונג פעלט דער שוואונג און ברייטער לייוונט פון גרויסן ראָמאַן, צי נאָוועלע, — געווינט זי אָבער אין קאָנצענטרירטן אינטראָ־ספּעקט אין קאָנדענסירט־געצילעוועטער באַלייכטונג. זי איז, ווי אַ זון־שפּיגעלע, וואָס וואַרפט אַ שאַרף־ליכטיקן פלעק אויפן אָביעקט־סוביעקט.

אויפן ביכער־מאַרק, ביי אונדז, זיינען, אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, דערשינען אַ צאָל זאַמלונגען פון קליינע דערציילונגען: (ז. שער, ז. דיאַמאַנט, תלוש, שרה דזשאַקלין האַמער א"אַ). לעצטנס איז צוגעקומען נח גאָלדבערגס בוך, „אויף צעוואָרפענע וועגן". דאָס בוך איז וואָגיק־אינטערעסאַנט און פאַרדינט מע זאָל זיך דאַרויף אָפּשטעלן באריכות.

נח גאָלדבערג איז נישט קיין פּנים חדשות אויף דער יידיש־ליטעראַרישער גאַס. דאָס איצטיקע בוך זיינס איז שוין דאָס דריטע פון זיין פּעדער. די ערשטע צוויי („פּשוטע מענטשן", 1942, און „אַ ליכט גייט אויף", 1948) האָבן אין זייער צייט געצויגן אויפמערק און אַ וואַרימען אָפּרוף פון דער קריטיק. שוין אין יענע ביכער זיינע האָט ער אַרויסגעוויזן דערציילערישן כוח. דאָס איצטיקע, אַ זאַמלונג פון קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, איז אַ שפּרייז פאָראויס. אַ היפּשע צאָל פון זיי פאַרמאָגן סאָלידן תוך, פאַרטיפטן טויך און אַן אייגנאַרטיקע פאָרם.

דער נאָמען „אויף צעוואָרפענע וועגן" איז טרעפלעך־אָנגעמאָסטן פאַר די 23 דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין בוך. די טעמאַטיק, סוזשעטן, כאַראַקטערן זיינען „כשמו כן הוא": צעוואָרפענע. צעוואָרפענע — נישט נאָר אין דער פאַר־שיידנקייט זייער בכלל, נייערט אפילו געאָגראַפיש. די דערציילונגען שפּרייטן

זיך אויף צוויי קאָנטינענטן: די אַמאָליקע מזרח־אייראָפּעאישע היים און אַמעריקע.

אַ שפּרונג פון אַ בעל־שם׳יש־לעגענדאַרישער מעשה צו אַ סצענע אין אַ ניו־יאָרקער אונטערבאַן; פון אַ קליינשטעטלדיק־רביאישן הויף צו אַ סטודיאָ פון אַ נגידיש יידישער ניו־יאָרקער שטוב; פון אַ היימישן סטאָליאַרסקן וואַרשטאַט צו אַ ניו־יאָרקער מאָדערנער קליידער־פאַבריק, — איז פּאָלג מיך אַ גאַנג. סאיז באמת, — כרחוק מזרח ממערב. און דאָך: נישט נאָר ספּראַוועט זיך נח גאָלדבערג מיט זיין ברייט־פאַרצווייגטער בעלעטריסטישער באַלעבאַטישקייט, מיט זיינע עקסטרעם־פאַרשיידענע סיטואַציעס און פּערסאָנאַזשן, נייערט ער פילט זיך אויף די אַלע עסטראַדעס ווי אַ בן־בית: אין אַ גרויסן טייל פון די שילדערונגען טרעט טאַקע בולט אַרויס דער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט. די פּרעציז־דעטאַליזירטע באַשרייבונגען זאָגן עדות דאַרויף, דעם מחברס קינסטלעריש־אויסכאַפּעריש אויג גיט אונדז גראַפיש איבער נישט נאָר דאָס, זיך אין אויג וואַרפנדיק, בילד און געשעעניש, נאָר אויך דאָס פאַרבאָרגן־מיניאַטורע, די פאַרביילויפיקע רגע. ער מאָלט אַ מאַסנסצענע מיט דער זעלביקער פּרטימדיקער מייסטערשאַפט, ווי די דריבנע אָפּעראַציע פון אַ שוסטערישן געזעל ביים אַריינקלאַפּן סגלדיקע שטיפטן אין זויל. זיין ממש־פאָטאָגראַפיש אויג אָבזערווירט און זאַפּט אַריין דעם אָנגע־מערקטן אָביעקט און זיין אַרום מיט אַ באַשיינפּערלעכער לייכטקייט. און כאָטש זיין אויג איז פינקטלעך־פאָטאָגראַפיש, איז עס אָבער נישט דרויסנדיק־מעכאַניש. סע זאַפּט גלייכצייטיק אויך אַריין אין זיך דאָס אומגעזעענע, דאָס וויטאַלע אונטער דער אויבערפלאַך. זיין וואָרט־צייכענונג איז געטונקען אין קינסטלעריש־רוחניות־דיקער אַטמאָספערע. די דאָזיקע זעלישע לופט צירקלט און בלעזלט אַרום זיין מאָלערישן דערציילן. זיינע „מענטשן" קוקן אונדז אין די אויגן דורך נשמה־באַ־הויכטע ברילן. דער מחבר גיט זיי פולע אויטאָנאָמיע, שטייט מן הצד, אָבער האַלט אַ שאַרף אויג אויף זיי. ער לאָזט זיי נישט ליגנערן, — ליגנערן אין קינסטלערישן זין. די פאַרבאָרגן־פאַרפּלאָנטערטע פעדים אינם יחיד אין שייכות צו זיך גופא און צו זיינע מיטמענטשן און מיטבאַשעפעניש ווערן פון אים אויפגעוויקלט, אויפגעקניפּט און אויסגעוועבט מיט זאָרגעוודיקער עקאָנאָמיע אין אַ מאָזאַאישן טעפּעך און אונטערגעטראָגן דעם לייענער מיט אַ לשון אידיאָמאַטיש און געשמאַק צום גומען.

נח גאָלדבערג קומט נישט איבערראַשן. איז נישט קיין נאָוואַטאָר. זיין לשון איז פּשוט, אָבער נישט טריוויאַל. נישט פּראָטאָקאָלירט. ס׳איז דורכגעפּעדימט מיט שפּילעוודיקע מעטאַפאָרן און סימילן. ס׳איז אָן פּרעטענציעזע פליטערלעך, כמעט סקאַרבאָווע, אָבער ציטערדיק אָפּגעהיט און ציכטיק. מהי טעמה: פריש און גרין. דער קענצייכן פון אַ טאַלאַנטירטער פּען. במילא — ניי און מאָדערן. מיט אָט דעם אינסטרומענט איז ער גובר די סאַמע פאַרפּלאָנטערטסטע זעלישע אימפּלי־און־קאָמפּליקאַציעס פון זיינע כאַראַקטערן. אַן אילוסטראַציע פון זיין פּיקטורעסק־פּרעציזער בילדלעכקייט.

„די דינסט האָט דערלאַנגט דעם פאָרשפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון אייג־געהאַקטע, היינערשע לעבערלעך מיט ציבעלע, באַדעקט מיט לוזשעס געגנדזענעם שמאַלץ. אַרום און אַרום זיינען קליינינקע רעטעכלעך געווען אַרומגעשטעלט, ווי זעלנערלעך. זייערע רויטע פעלערינעס זיינען געווען צעשפּילעטע און אַנטבלויזט ווייסע בייכעלעך. אין מיטן דער לוזשע איז יוסטנע געזעסן אַ ביסל אַ גרעסערער

רעטעכל. זיין פעלערינקע איז געווען צוגעקנעפּלט, ביזן האַלדז. אויפן קאָפּ האָט עס געטראָגן אַ גרינע קרוין און מיט ווירדע געקיניגט סיי איבער דעם רינג סאָלדאַטן און סיי איבער דער אכילה״ („דער שטאָלצער טאַטע״).

דוכט זיך: „שטיל לעבן״, — דער קינסטלער אָבער, האָט אַריינגעבלאָזן אַ נשמת חיים אין די נאָזלעכער און ס׳האָט אויפגעלעבט מיט אַלע פּיבערן, קאָלירן און שפּרודלדיקייט פון עכטן לעבן.

פאַראַן אין בוך 23 דערציילונגען און, נאַטירלעך, נישט אויף אַלע איז חל דאָס אויבנגעזאָגטע. נישט אַלע געפינען זיך אויף דער זעלביקער קינסטלערישער מדרגה, טייל פון זיי זיינען געבויט אויף אַן אַנעקדאָט, אַן איינפאַל. זיי זיינען פון אַ הומאָריסטיש-פאַרווײַלערישן זשאַנער און מע צעשיידט זיך מיט זיי מיט אַ לייכטן שמייכל. ס׳פעלט די זאַפטיקע יאָדרע און ממילא — דעם מחברס אָפּע־טיט זיך טיף אַריינצובייסן. דער דאָזיקער בלויז רעפלעקטירט נעגאַטיוו אויך אויף דער ראַם, שילדערונג און לשון, אילוסטראַציע:

אַ פּויערטע, אַן אומגעטרייע ווייב, האָט אַ קינד פון אַ פרעמדן מאַן. ווען איר לעגיטימער מאַן, דער פּויער, נאָך אַ צוויי-יעריקער אָפּוועזנקייט, קומט אַהיים און געפינט אַ ניי-געבוירן דריי-וואָכיק קינד, מאַכט אים די פּיפּיק-איבערשפּיצטע ווייב אַ „גוּאישן חשבון״ פון דער צייט, אַזוי אַז די צוויי יאָר ווערן פאַרוואַנדלט אין ניין (9) חדשים און דער טעמפּ-נאַרעשעוואַטער מאַן נעמט עס אָן פאַר גוט געלט. („פאַרלוירן דעם חשבון״).

פאַראַן אויך דערציילונגען אין דער זאַמלונג, וואָס יעדע איינע פון זיי איז אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך: איזאָלירטע. אַן באַרירונגס-פּונקטן צווישן זיי און די אַנדערע. „אַ ניקאָלאַיעווסקיר סאָלדאַט״ איז איינע פון זיי. די דערציילונג דאַרף דערמאָנט ווערן צוליב דער הויכער קוואַליטעט פון איר קינסטלערישער ראַם. די טעמע גופא איז גראָד נישט קיין שפּאָגל-נייע. ס׳איז דער אַלטער, גוט-באַ־קאַנטער גראַנגל צווישן „טאַטעס און זין״: דער רעפּרעזענטאַנט פון אַלטן, פאַר־גליווערטן לעבנסשטייגער, דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, דער פאַטריאַרכאַלישער פאָטער, הערשט איבער זיין הויזגעזונט ביד חזקה. אַ ברוטאַלער דעספּאָט מיטן אייביקן קאַנטשיק אין האַנט. ער ווערט סוף כל סוף בייגעקומען פון דער „הייליקער חוצפה״ פון זיין מיזיניק — אַן אומדערשראָקענעם, מוסקוליסטן יאַט מיט ביינער. דער אַלטער רעזיגנירט אין אָנגעזיכט פון רעבעלירנדיקן נייעם דור. דאָ האָט דער מחבר פאַר זיך אַ דאַנקבאַרע כאָטש שוין אַ שטאַרק עקספּלואַטירטע טעמע און ער איז זי גובר על צד היותר טוב. ער איז זי מחדש. די מענטשן זיינען שאַרף געשניצט, די פאַבולע קומט צו איר שפּיץ אויף אַ נאַטירלעך-אויסרייסע־רישן אופן און דאָס גאַנצע בילד איז קינסטלעריש פאַרקיילעכדיקט.

די סאַמע-וואָגיקסטע פּסיכאָלאָגיש-פאַרטיפטע בילדער-דערציילונגען אין בוך-געהערן, לויט זייער טעמאַטיק, צו אַ גרופּע, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי די „אוניווערסאַלע״. כאָטש יעדע דערציילונג פון דער גרופּע האָט איר באַזונדערן, רעליעף-אויסגעשפּראָכן פּרצוף-פּנים, זיינען אָבער אַלע דערציילונגען, אין תוך, פון זעלביקן כאַראַקטער. זיי זיינען אין זייער מהות: איין (1) דערציילונג. נישט לגנאי — אין זין פון „אַלע יוונים האָבן איין פּנים״, נייערט, אדרבא, לשבח: פון הינטער די כל המינים מאַסקעס פון מענטשלעכן האַרמידער שיילט זיך אַרויס דער צד השוה שבהם, — דער אייביקער צלם אלהים און ס׳פליטערט דער אור־

אַלטער קול דממה דקה. די מאַסקעס אָבער זיינען פילקאַלירי, פּאַרשידנאַרטיק און ספּעציפיש־אייגנפּנימדיק. דער בונטער מאַסקאַראַד פון הויך־מענטשלעכן געוויסן.

צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן די דערציילונגען: „פיש אויף פּסח", „אַ פּאַרשניטן לעבן", „אַ פורים סעודה", „אַ גאָלדן צענערל", „אין איינעם אַ ביינאַכט" און אפשר אויך „נגידים".

אין „פיש אויף פּסח" און „אַ פּאַרשניטן לעבן" רעדט דאָס אוראַלטע געוויסן מיט מויל פון אומשולדיקן, נאָך ניט קאָרופּטירטן, קליינעם מענטשעלע, דעם קינד, וואָס שטעלט זיך איין פאַרן לעבן און וואוילזיין פון שטומען באַשעפעניש. אויף דער „באַשלודיקונגס־באַנק" זיצן פּאַרשולדיקטע, טיף־פאַרשעמטע, די על־טערן, וואָס לאָזן זיך משפטן פון יונגן שופט: זייער קינד. צוויי פּרעכטיקע דורכ־געטראַכטע, מיט הייסע, ליידנשאַפטלעכע פאַרבן, געמאָלענע בילדער.

„אַ גאָלדן צענערל": אַ פערדהענדלער, אַ גרעיבענער מאַרעוויכער און דרייקאָפּ, וואָס קאָן אַריינשלייערן אַ בלינדע שקאַפע פאַר אַ קאַווקאַזעשן זשע־רעבעץ, — דער דאָזיקער פּאַרהאַרטעוועטער ייד ווערט טיף צערודערט־גערירט. ווען אַ פויער, וואָס קומט אויפן יאַריד קויפן אַ פערד, כאַפּט זיך, אַז זיין גאָלדן צענערל, וואָס ער האָט גראָשן צו גראָשן במשך פון צוויי יאָר, אָנגעקליבן, איז פּלוצים נעלם געוואָרן, אַ פאַרצווייפלטער, וואַרפט זיך דער פויער אויף דער ערד און צעכליפעט זיך. דער פערדהענדלער קאָן נישט צוזען דעם פויערס צער און ער לאָזט זיך צווישן די יידן־קרעמער צונויפקלייבן קליינגעלט. ער קלאַפּט צוזאַמען די צען רובל און כדי נישט מבייש צו זיין דעם פויער בייט ער אויס דאָס קליינ־געלט אויף אַ גאָלדשטיק און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער האָט עס געפונען אין זאַמד, קערט ער עס אום צו דעם פויער. דער לעצטער וואַרפט זיך קושן דעם יידנס האַנט, אָבער יענער באַגיסט זיך מיט אַ בושה־רויטקייט און רוקט זיך אָפּ. דער פויער גלויבט נישט זיינע אויגן און בלייבט שטיין פאַרגאַפט, ווי פאַר אַ נס...

אַ דין, דין־געצייכנט בילד: פון אונטער דער קאָרע פון מגושמדיק־פאַר־האַרטעוועטן יידן שפּאַרט אַרויס דאָס אויפגעוואַכטע געוויסן.

„אַ פורים סעודה"; ס'איז אַ קאַלטע פורים נאַכט. ביים רבין גרייט מען זיך פּראַווען אַ פורים־סעודה. דער רבי דאַוונט מעריב און זעט דורכן פענצטער פון קלויז, ווי יידן, איינגעהילטע אין זעק, מאַכן אַן „עקספּראָפּריאַציע" ביי אים. זיי פאָרן צו אין אַ שליטן צום גרויסן קעלער פון דער רביצנס שטוב (אַ יידענע, אַ מרשעת), רייסן אויף די טירלעך און טראָגן אַרויס זעק מיט קאַרטאָפל, טעפּ מיט שמאַלץ און אַנדערע שפּייזן. דער רבי זעט, ווער די גנבים זיינען, זאָגט אָבער קיינעם גאָרנישט. נאָכן דאַווענען טוט ער אָן די טיפע קאַלאָשן מיטן פוטער און לאָזט זיך גיין צו דער פּאַרשטאָט, וואו די „גנבים" וואוינען, כדי צו פּראַווען דאָרטן די פורים סעודה מיט די אָרעמע, הונגעריקע יידן, וואָס האָבן אים פריער „באַגנבעט", און פאַראיינס אויך טרייסטן זיי, אַז צוליב פּקוח נפש מעג מען נעמען אפילו ביי אַ רבין...

דאָ מאַניפעסטירט זיך שוין בקול רם אַ באַוואוסטזיניק־רייפער אויפשפּיל פון טריאומפירנדיקן קול דממה דקה. אַ פּרעכטיקע, גראַטעסק־געמאָלטע סצענע, וואָס שניידט זיך אַריין אין זכרון און דערפרייט און באַזינגט דאָס מענטשלעך געמיט סיי מיטן אינהאַלט, סיי מיט דער קינסטלערישער רעפּרעזענטאַציע.

ואחרון, אחרון: „אין איינעם אַ ביינאַכט״ —

אַ שניאַיק־פּראַסטיקע נאַכט. בעני, אַן עלטערער בחור, פּאַרט מיט דער אונטערבאַן אַהיים. ער קומט איצט פון אַ ראַנדעוואו מיט זיין געליבטער און, אַן איבערוועלטיקטער פון גליק, פילט ער ווי צוצודריקן די וועלט צו זיין ברוסט. דאָ, אָבער, שלייכט זיך אַריין אין וואַגאָן אַ יונגלינג אָן אַ מאַנטל, אָן אַ הוט, אַ ציטערנדיקער פון קעלט, מיט הונגער אין די אויגן. בעני ווערט דערשיטערט. ס׳נעמט אים ציען צום בחור, ווי מיט אַ מאַגנעט. ער וויל אים אָנקאָרמענען, אַוועקשענקען זיין מאַנטל, זיינע לעצטע פּאָר דאָלאַר. ער בייסט זיך אַריין אין אים מיט די אויגן. דער בחור, אָבער, פּאַרטראָגט נישט דעם רחמנות־בליק: נעמט ער, כלומרשט, באַטראַכטן די אַפּישן און „זאָרגלאָז״ אונטערפייפן. אָבער ס׳העלפט נישט. בעני נעמט נישט אַוועק די אויגן. ער וויל אים העלפן און ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס צו טאָן, אים נישט צו באַליידיקן. דער בחור ווערט אומרואיק און טראָגט זיך אָפּ אין צווייטן וואַגאָן. בעני — נאָך אים. ס׳הויבט זיך אָן אַ געיעג. דער בחור לויפט פון איין וואַגאָן אין צווייטן. בעני נאָך אים. ער ווערט געטריבן פון אַן אומבאַצווינגלעכן, אינערלעכן כוח. ער טאָר דעם בחור נישט פאַרלירן. ביי אַן אָפּשטעל כאַפּט דער בחור אַ צוג אויף צוריק. בעני — נאָך אים. ביז ביי „טיימס סקווער״ געלינגט עס דעם בחור פלינק אַרויסצושפּרינגען פון וואַגאָן און נעלם ווערן אין המון. בעני, אַ טיף־אַנטוישטער, קומט אַהיים אין זיין וואַרימען צימער, אָבער ער פילט, אַז דאָס צימער איז נישט זיינס: ס׳באַלאַנגט צו יענעם אַנטרונענעם בחור. ער לייגט זיך אין בעט, אָבער דער שלאָף נעמט אים נישט. ער הערט דאָס פייפן פון ווינט און ס׳מישט זיך ביי אים צונויף מיטן פייפן פונם נע ונד בחור און ער ווערט געפּייניקט פון זיין מאַנענדיק געוויסן . . .

די דערציילונג איז זייער אַ קורצע, די קירצסטע אין בוך (דריי בלעטלעך). און מערקווירדיק: ס׳איז שווער זי איבערצוגעבן אין עטלעכע שורות, ווי דאָס לאָזט זיך טאָן מיט אַ טייל פון די אַנדערע דערציילונגען, צוויי מאָל, און מער, די גרויס. די סיבה איז, וואָס דער מחבר האָט דאָ אַזוי מצמצם געווען, אַזוי אָנגעלאָדן יעדע שורה, אַז ס׳בלייבט שוין ווייניק־וואָס מקצר צו זיין. און דאָס גופא אז אַ סימן טוב.

אין דער־אַ צומצומדיקער מעשה טרעט נח גאָלדבערג אַרויס, ווי אַ ווירטואָזישער מייסטער־דערציילער, אין אַ רעליעף־געפּרעסטער פאָרם, טראָגט זיך פאַרביי דעם לייענערס אינערלעך און אויסערלעך אויג אַ ביזאַר בילד, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַלע עלעמענטן פון הייס־קאָכעדיקער הויך־מענטשלעכער איבערלעבעניש. אַ סימבאָליש־פאַרכאַפּנדיקער פילם, וואָס האַלט דעם צושויער געפאַנגען אין אַ פולסירנדיקער נעץ פון געמיטס מעמקים.

דער עכט־רעאַליסטישער קינסטלער ווערט דאָ, אויף אַ ריין־סטיכישן אופן, אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן (אַ געפאַנגענער פון סוזשעט) אַריינגעצויגן אינ־איינעם מיט זיינע „העלדן״ אין אַ קעסלגרוב פון איראַציאָנאַלער דערפאַרונג. די פאָרמאַציע פון בילד פון סאַמע אָנהויב ביזן פינאַל נעמט אָן אַ סובטיל־סורעאַליסטישן כאַראַקטער. און נישט אַ מינוס איז אָט דער סורעאַליסטישער לבוש, נייערט דווקא דער סאַמע אָנגעמאָסטן־נאַטירלעכסטער: דער איינציקער, וואָס אַנטשפּרעכט דער געגעבענער קאַטאַוואַזיע. סיי בעני, סיי זיין צד שכנגד (זיין אַלטער עגאָ), דער עלנטער יונגלינג, זיינען גלייכצייטיק אי רעאַל, אי אומרעאַל. בעניס

שולד־באַוואוסטזיין אין גײַיג נאָכן לויפנדיקן בחור און דעם לעצטנס נעלם ווערן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט איז די הויך־קינסטלערישע פּערזאָנעפיקאַציע פון קול דממה דקה, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּקויפן מיט שיה פּיה, דעגראַדירנדיק די מענטשלעכע חשיבות, נייערט פּאָדערט דעם אַלערהעכסטן מקח: זיך פּאַר־זעלבסטן מיטן צד שכנגד — ווערן איינס.

און טאַקע אין דעם־אָ ליכט דערזעט און דערפילט בעני די אויפריכטונג פון זיין דילעמע: סיידן אויך ער, בעני, וועט ווערן אַזוי היימלאָז, אַזוי הונגעריק, אַזוי עלנט, ווי יענער אַנטרונענער בחור — וועט זיין שולד־באַוואוסטזיין ניט געפינען קיין תיקון, וועט זיין קול דממה דקה ניט אַנטשוויגן ווערן.

שוין פאַר אָט דעם קליינעם קונסטווערק „אין איינעם אַ ביינאַכט” איז נח גאָלדבערג ראוי אָנגעשטעלט צו ווערן אין איין ריי מיט אונדזערע ערשט־קלאַסיקע קינסטלער־בעלעטריסטן.

**אסתר שומיאַטשער־הירשביין**

# זומער־לעב

די זון גייט־אויף אין אַ טראָפּן טוי,
צעפּעדערט וויגן זיך לולב־בלעטער;
עס טראָגט זיך מיט אַ זשום פאַרביי אַ געלע בין,
דער האָניסאַקל וויקלט זיך אין מאָרגנבלוי,
מיט האָניק אָטעמט דער זשאַסמין,
מיט פּורפּלגאָלד די באָגענווילע קלעטערט —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

עס רייסט זיך שטיל צום הימל אַ רויטע בלום,
דאָס צינגעלע אין בעכער, טאַנצט אין ווינט;
זוניק ווינקט און שפּילט אַ גאָלדענער זאַנג,
אין כוואַליעדיקן אויפלויכט פון דער זון,
אין אַ טויאיקן אינדערפרי —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

דער טאָג איז גאָלדיק און גרין זיינען בלעטער,
זים איז דאָס וואָרקען פון דער ווילדער טויב;
אין פאַרוויקלטן בלאַט טוליעט זיך די פרייד פון שפּעטער,
און גרין איז דער בטחון אין מיין שוים —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

מיט ווייסע מאַגנאָליע־פּאָמפּאָנעם בליט דער חודש שבט,
אַ גאָלדן זשוקל ווינקט צו מיר זיינע הערנער־אויגן;
משה רבינום בהמהלע חלומט אויף אַ גרינעם בלאַט,
רעגנוואָלקן זיינען ווי פייגל אַנגעפלויגן —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

אַ בערגעלע גרינט-אויף אין גרויען זאַמד,
פון רעגן איז באַרוישט דער דרויסן;
די ביימער מיט רעגן אָנגעטרונקען און פאַרקלערט,
די ערד-ריחות אָטעמען אַזוי ווייניק,
דאָס גראָז פון נאַסן ווינט געשאָקלט גערט
און קווענט אין גרינעם תענוג —
וואַך-אויף, מיין האַרץ, וואַך-אויף און זינג!

ה. לאַנג

## גאָט שטראָפט זיי...

יידישע כלל-טוערייי אין לאָס אַנדזשעלעס,
און אַנדערשוואו אויך. — זכרונות און מחשבות.

ס'איז פופציק יאָר זינט טשערנאָוויץ. אונדזער דור ווייסט דעם באַדייט. מ'האָט עס אָנגערופן רענעסאַנס. ווי דורך אַ כישוף האָבן זיך אַ וויז-געטאָן נייע גייסטיקע פירער אין יידישן פאָלקס-לעבן. ניט מער דווקא דער רב און דער רבי און דער מגיד. און ניט מער דווקא לשון-קודש, אָדער העברעאיש, אַלס גייס-טיקער כוח. ס'איז אויפגעשטיגן דער ליטעראַט מיטן פאָלק-לשון יידיש. דיכטער, דערציילער און דראַמיטיסט אויפן פאָלק-לשון יידיש. אויך דער פובליציסט, דער קעמפער קעגן גלות, אויך דער טרעגער פון סאָציאַליזם, אַ ניי ליכט פאַר דער אייביקער יידישער תשוקה צו אַ גערעכטער וועלט, אויך דער פאָרשער פון געשיכטע און דער אויפקלערער פון וויסנשאַפטן — זיי אַלע מיטן פאָלק-לשון יידיש.

די ווערטער קומען פון דער מאַמעס ליפן ביים ליכט-בענטשן ערב שבת, און פון דעם טאַטנס ריידן אין לערנען ביי דער גמרא, און פונם זינגען פון דער שוועסטער ביים נייען זיך אַ קליידל, און פון דער צעקאָכטקייט פונם קרעמער אויפן מאַרק, און פונם פּראָטעסט אין האַרצן ביים עלענדן בעל-מלאכה — איז פאָלק-לשון יידיש אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

זיינען די נייע פירער פון יידישן געדאַנק און יידישן געמיט צונויפגעפאָרן זיך אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, אין בוקאָווינע, וואָס אָט איז זי עסטרייכיש-גאַליציש, און אָט אונגאַריש צי רומעניש, מיט אַ צוגאָב פון פויליש און רוטעניש, און רוסיש און דייטש, אָבער אין תוך יידיש, וואָס קוקט אַרויס מיט גרויסע אויגן צו דער גרויסער וועלט, און קוקט אַריין מיט פאַרטיפטע אויגן אין זיך אַליין, און אַ קול איז פון דאָרטן אַרויס צו דער יידישער געשיכטע און צו דער יידישער צוקונפט:

— אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך איז יידיש, און ס'איז דאָ יידישע ליטעראַטור, גרויס און טיף!...

ניט קיין חלום-ווערטער זיינען דאָס געווען. דאָס קול האָט זיך געטראָגן פון רעאַליטעט צו רעאַליטעט.

ליטעראַטור אויף יידיש האָט שוין געהאַט שאַפונגען, באַפליגלט מיט וועלט-פאַרנעם.

מיט גליענדיקער דיכטונג אין סטיל פון דער רייצנדיקער איירָאָפּע און גלייכצייטיק ווי אַ פֿאַרזעצונג פון די פֿאַרהייליקטע פּיוטים פון דער שפּאַנישער עפּאָכע.

און מיט גייסטרייכער נאָוועלע און דראַמע, געשעפּט פון אַלמענטשלעכע קוואַלן און פון אייגענעם יידישן חן.

אויך מיט פילאָזאָפישע עסייען און לירישן פעליעטאָן, באַגלייט פון וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן, נאָכזוכונגען און פעסטשטעלונגען, און פון געשיכטע־אַנט־פלעקונגען ביי כל המינים פעלקער און ביים אייגענעם פאָלק.

דערצו מיט אַ קאָלירפולן זשורנאַליזם, וואָס מהאָט עס נישט געהאַט אין קיין איין פּעריאָד פון דער גאַנצער געשיכטע פון יידישן וועלט־לעבן.

די רעאַליטעט האָט זיך אויסגעשטעלט נאָך ברייטער. די אַלע ביימער און צווייגן פון דער ליטעראַטור אויף יידיש האָבן געהאַט אונטער זיך באָדן, און אַרום זיך — אַטמאָספערע.

דער יידישער רעוואָלוציאָנער האָט דעמאָלט געהאַט זיין יוגנט־צייט. דער מתמיד און דער עלוי זיינען אַרויס פון הינטער די ווענט פון דער ישיבה צו ווערן אַ געזעלשאַפטלעך שאַפנדיקע קראַפט. ס׳איז געווען אָנגעשטאַנען דער דור פונם פּאָליטיש־וואַכזאַמען יידישן פאָלקס־מענטש און אַרבעטער און סטודענט. מ׳האָט ערשט געהאַט דורכגעלעבט דעם אָנהויב פון יאָרהונדערט מיטן צוזאַ־מענפאַל פון די רוסישע אויפשטאַנדן, באַגלייט פון פּאָגראָמען, אָבער אויך מיט אַן אַנטפּלעקונג פון באַוואָפנטן יידישן זעלבסטשוץ. יידיש לעבן אין גאַנץ מזרח־איירָאָפּע איז געשטאַנען באַנייט, און ס׳האָט סטימולירט אי די ערשטע חלוצים־וואַנדערונג (די „צווייטע עליה״) קיין ארץ ישראל, אי אַ ווייטערע פאָלקס־וואַנ־דערונג קיין אַמעריקע. אינאיינעם איז דאָס געווען דער אָנהויב פון דער יידישער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און געשוועבט האָט עס אַלץ מיט און דורך דער יידישער ליטעראַטור.

און די ווייטערע יאָרן האָבן אַנטשפּראָכן דעם אָנהויב. און וועלכע ווייטערע יאָרן דאָס זיינען געווען! מיט ווי און יאָמער און חורבן, און מיט אויפשטייג און גאולה . . .

צוויי וועלט־מלחמות, די ענדלעכע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און טייכן יידיש בלוט אין אוקראַינע, קאָמוניזם און די צעשמעטערונג פון רוסישן יידנטום, דייטשלאַנד און עסטרייך אָן אַ קייזערטום און די בעסטיע נאַציזם איף וועסט־איירָאָפּע, פּוילישע פרייהייט און אויסשפּרייט פון פּוילישן יידנטום מיט סמ׳יקער שנאה אויף זיך, אויפקום פון יידישער קולט־אויטאָנאָמיע אין ליטע און אין גאַנץ מזרח־איירָאָפּע מיט אַ באַלדיקער וויסטער אָפּנאַרונג, דער וואונדערלעכער אויס־וואוקס פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע מיט ליכטיקער אָרגאַניזאַציע און פאַרברידערונג מיטן אַרבעטער־אויפבוי פון ארץ ישראל, דער געטאָ־אויפ־שטאַנד אין וואַרשע, און דער טאָטאַלער חורבן פון יידנטום אין איירָאָפּע, און דער אויפשטייג פון אַמעריקאַנער יידנטום מיט זעלבסטווירדע און וואונדערלעכע צדקה־קהילות, און איבער דעם אַלעמען דער באַשייד פון צוויי טויזנט יאָר יידישע חלומות אין טרערן, די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, און יידישער גבורה מיט געטלעכן גייסט צו באַשיצן עס — און דאָס אַלץ איז אָנגעגאַנגען מיט דער נשמה דערויף פון דער יידישער ליטעראַטור.

די יידישע ליטעראַטור מיט איר זשורנאַליזם איז אין די אַלע חושך־ און

ליכט־צייטן געשטאַנען אי ווי אַ פּנקס מיט אַ פאַרשרייבן קרבן נאָך קרבן, אי ווי אַ שלאַכטפעלד פאַר תקומה; אי ווי אַ בית־עלמין, אי ווי אַ שטורעם־צענטער; אי מיט אַן „אל מלא רחמים", אי מיט אַן „אז ישיר". זי איז אונדזער וועלט־פּאָעמע, די עפּאָפּייע אונדזערע, וואָס שליסט־איין אונדזערע מיטן־נאַכטיקע עלנדע חצותן און יאָרצייט־ליכט, און אונדזערע גאַס־דעמאָנסטראַציעס מיט ספר־תורות און מיט פּיקעט־לאַינס, ביז זי דערגייט צו — „זיי געטרייסט, מיין פאָלק", און „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו שטעלסט דעם לעצטן טראָט" . . .

אין קיין איין ליטעראַטור אויף דער גאַנצער וועלט, שפּראַך נאָך שפּראַך, און פאָלק נאָך פאָלק, און אמונה נאָך אמונה, קען אַ יידישער מענטש נישט געפינען זיינע דורכלעבונגען אין די אָפּגעגאַנגענע פופציק יאָר, ווי ער געפינט זיי אין דער ליטעראַטור אויף יידיש, און וועד ביים יידישן לעבן, וועלכער זעט עס נישט איין, דער איז אַ געשטראָפטער . . .

איך קלער וועגן דעם איצט, ביים פופציק־יאָריקן יובילי פון דעם אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אַלס אַ גייסטיקע קראַפט, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טשערנאָוויץ; און איך קלער וועגן דעם, באַזונדערס, ביים אַריינקוקן אין דער נייעסטער יידישער געמיינדע אויף גאָר דער וועלט — לאָס אַנדזשעלעס; און עס קומט מיר צום זינען אַ „דבר לזכרון" טאַקע פון יענע טשערנאָוויצער טעג.

צו באַקענען אונדז מיטן גייסט פון טשערנאָוויץ, אונדז פונם יונגן דור אין אַמעריקע מיט ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס די יידישע ליטעראַטור שאַפט, איז געקומען ד"ר נתן בירנבוים, איינער פון די אנשי־רוח און ראש־המדברים ביי דער טשער־נאָוויצער פּראָקלאַמאַציע.

דער היסטאָרישער ד"ר בירנבוים מיטן אויסזען פון אַ נביאישן מקונן פון געטאָס, מיט אַ ראַבאַנישער באָרד און פאַראומערטע אויגן, אויף קיין איין אופן נישט פון אַ מאָדערנעם אינטעלעקטואַל, וועמענס לעבן ס'איז פול געווען מיט סתירות. אַ פריידענקער אין סטיל פון אייראָפּע און גלייכצייטיק אַ זוכער פון וועגן צו אַנטלויפן פון גלות דורך ציוניזם. אַ נאָענטער מענטש צו ד"ר הערצל, און באַלד אַ דערווייטערטער פון ציוניזם, און אַ קעמפער גאָר פאַר יידישער קולטור דווקא אין גלות, און טאַקע קולטור אויף יידיש. זיין פּסעוודאָנים אַלס שריפט־שטעלער איז געווען „מתיתיהו אחר", האָט עס געשטימט מיט זיין אומרו. ער איז געווען אַן „אחר" אין אַלע יידישע קולטור־באַוועגונגען פון זיין צייט. דערגאַנגען איז ער, ביזן סוף פון זיינע טעג, צו עקסטרעמער אָרטאָדאָקסישער פרומקייט, און אַ פאַרטיפטער לערנער, אַ פּרוש, אַ פאַרהונגערטער מעלאַנכאָלישער סכאָלאַסטי־קער, ערגעץ אין אַלטע בתי מדרשים אין דייטשלאַנד.

ביי אַ קבלת־פּנים פאַר אים אין ניו־יאָרק איז דערשינען ד"ר יהודה לייב מאַגנעס, דער דעמאָלטדיקער פיין־גייסט אין דער גרויסער צייט פון יידישן אויפקום אין אַמעריקע. ער איז דעמאָלט געשטאַנען ביי אָנגעשטרענגטע פּרוּוון צו שאַפן אַ יידישע קהילה אין אַמעריקעס וועלט־שטאָט. מ'האָט נישט געקענט צונויפברענגען די צוויי וועלטן אין יידישן לעבן פון יענע טעג, די אַמעריקאַניש־געבוירענע „יאַהודים", וועמענס יידישקייט סע איז געווען בלויז צדקה, און די פון יידישן לעבן אויף יידיש מיט צילן צו טראָגן הויך קולטור אויף יידיש. די שולד איז געווען אויף דער זייט פון די ערשטע. ד"ר מאַגנעס האָט עס באַקלאָגט.

דער גאַסט, ד״ר בירנבוים, האָט דערויף געמאַכט באַמערקונגען, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ווי אַ קללה:

— אַלע ביי אייך אין אַמעריקע, וועלכע ווילן זיך נישט איינגעפּעסטיקן מיטן פאָלק־לשון יידיש, וועלן זיין געשטראָפט פון גאָט... און גאָט מעג זיי שטראָפן... אָן יידישע ליטעראַטור אין זיך און אַרום זיך, וועלן זיי נישט אַריינקומען אין יידישן געמיט, און שטאַרבן איינזאַם, אפילו ווען זיי וועלן געבן גרויסע צדקה... קולטור איז „פעמליה של מעלה״; געמיט פון פאָלק איז „פעמליה של מטה״; יידן אָן יידיש אין אַמעריקע וועלן נישט זיין „אויבן״ און נישט זיין „אונטן״, און נישט האָבן קיין מנוחה...

דאָס ווערט איצט מקוים. די יידישע געמיינדע אין לאָס אַנגעלעס, ביי מיט אירע אָנגעזאַמלטע יונגע דורות אַמעריקאַנער יידן, און גאָר גרויס אין יידישן וועלט־לעבן, שטייט פאַנאַנדערגעוויקלט מיט טראַגיזם. פאַראַן ביי איר אומגע־הויערע צדקה־געבער, און פאַראַן וואוילע פירער אין קאָמיוניטי קאָנסיל, אין די וועלפער־דראַיוו, אין דער טשאַריטי־פעדעראַציע, אין די צענטערס און קלובן, ביים יונייטעד דזשואיש אַפּיל און ביי די באָנד־קאַמפּאַניעס פאַר ישראל, ביי די דעפענס־קאָמיטעטן און ביי די פּאָליטישע גרופּירונגען, און ביי די פאָנדן צו אַנטוויקלען קאָלעדזשעס פאַר יידישן שטודיום, און קיינער פון יידישן פאָלקס־לעבן אַרום זיי קען זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן ווער ס׳איז ווער ביי זיי. מע גע־דענקט זיי נישט. זיי קומען אויף און פאַרשווינדן ווי שאָטנס. זיי דערגייען נישט צום יידישן האַרצן, איז נישטאָ קיין אָפּרוף מיט אַ ליבשאַפט צו זיי, מיט אַ חסידות פאַר זיי. און אַז עס איז נישטאָ קיין אָפּרוף, ווערן זיי באַלד מיד, און טרעטן אָפּ, און אַ נייער מענטש ווערט אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה, און מע פאַרגעסט באַלד דעם אַוועקגעגאַנגענעם און מע האָט נישט קיין אינטערעס צו וויסן ווער דער נייער איז. מע לעבט אויף מאָמענט־פּובליסיטי אין ענגלישע בולעטינען, וואָס דער אינהאַלט איז ווי פון אַ „זייף־אַדווערטייזמענט״. ס׳איז אַ „געדונגענער קדיש״, און אונדזער טראַדיציע האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז פאַר אַ געדונגענעם קדיש עפענען זיך נישט די טויערן פון הימל...

גאָט שטראָפט זיי, די אַלע איצטיקע יידישע פירער פון אַמעריקעס געמיינדע־לעבן פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק, אַז זיי זאָלן נישט קענען האָבן אַ וועלכע ס׳איז התרוממות דורך זייער אַרבעט. זיי זיינען נישט צוגעקומען צום קוואַל, צום יידישן פאָלק־לשון און צום יידישן זשורנאַליזם און צו דער יידישער ליטעראַטור, אויס־צושעפּן פון דאָרטן דעם גאַנצן צער אָן צאַרן און די פולע התלהבות מיט נשמה־פרייד, וואָס יידיש לעבן האָט צוגעשטעלט זינט דעם אָנהויב פון יאָרהונדערט. האָבן זיי נישט קיין זין פאַר דער היסטאָרישער אַרבעט וואָס זיי טוען, און האָבן ממילא נישט קיין הנאה. איר קענט אפילו נישט ווערן אין כעס. גאָט שטראָפט זיי — איז אויף זיי אַ רחמנות...

---

**וועדט אַן אַבאָנענט**
**און מיטבויער**
**פון „חשבון״**

י. פרידלאַנד

# זיין גרויסער נסיון

(דערציילונג)

(פראַגמענט פון אַגרעסערער זאַך)

ווען יואל האָט פאַרענדיקט זיין שליחות אין וואַרשע, האָט ער תיכף געגומען די באַן אויף צוריק צו זיין היים-שטאָט, זשיט-מיר. אַראָפּגייענדיק אויף דער אומבייט-סטאַנציע „בי", אַ פּופצן ווערסט פון דער היים, האָט ער צו זיין איבער-ראַשונג געטראָפן דאָרטן אַן אומגעווייגלעך גרויסן יידישן עולם פון זיין שטאָט. אַריינקומענדיק אין וואָקזאַל איז זיין פאַרוואונדערונג נאָך מער געוואַקסן: ער האָט מיט אַמאָל דערזען אַ צאָל באַקאַנטע פּנימער און אפילו קרובים, און אויף אַלעמענס געזיכטער האָט זיך געמערקט אַן אומרו און אַ דערשיטערונג . . .

דאָ האָט ער דערזען זיין פעטער ר׳ אשרל שוואַרצבאָרד, דער גביר-אדיר, און זיין מומע רייזעלע מיט אַן אייניקל זייערס. צוגיין צו זיי נאָכפרעגן זיך: מה זאת?! וואָס איז דאָ פאַר אַן אַנגעלויף, האָט ער ניט געוואָלט. מחמת זינט די „עקספּראָפּריאַציע", וואָס זיין גרופּע האָט אויף זיי געמאַכט, האָט ער עפּעס זיך געפילט ווי אַ שולדיקער קעגן זיי. אויך אַנדערע האָט ער דאָ באַמערקט צווישן עולם: דעם הער וויינערמאַן, דער ערשטער באַלעבאָס זיינער, דער דרוקער און זיין משפחה און אַ צאָל אַנדערע באַלעבאַטישע, פאַרמעגלעכע משפחות מיט די קינדערלעך. און . . . צווישן זיי אַלעמען, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט ער אויך דערזען אַ נ נ אַ ן . . . זיין יונגע שיינע באַלעבאָסטע, וועלכע איז זעלטן אָפּגעטראָטן פון זיין דמיון. זיין ערשטער אימפּולס איז געווען, צו לויפן צו איר, פרעגן ווי קומט זי אַהער!? עפּעס האָט אים אָבער צוריק געהאַלטן. ער האָט געוואַרט ביז וואַן זי וועט אים דערזען, און אפשר וועט זי אים אַ רוף טאָן צו זיך, אָדער גאָר צוקומען צו אים! ער האָט אַ פרעג געטאָן ביי אַ יידן, אַ בן-עיר, וואָס איז געשען, וואָס אַזויפיל היימישע שיינע באַלעבאַטים געפינען זיך דאָ מיט איינ-מאָל?! דער ייד האָט אים דערציילט, מיט אַלע פּרטים, וועגן דעם איבערפאַל פון די כוליגאַנעס ביי זיי אין שטאָט, ווי די זעלבסט-שוץ האָט איינעם פון די ווילדע רוצחים דערשאָסן, אין פאַרטיידיקונג: און צוליב דעם טאָקע איז די שרעק פאַר אַ פּאָגראָם געוואָרן זייער גרויס, און ווער סע האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט, איז פון שטאָט אַנטלאָפן, ביז דער געטומל און אומרו וועט אַריבער.

אננאַ האָט מיט אַמאָל, פון איר אָרט וואו זי איז געשטאַנען, דערזען יואלן. זי איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן צו אים, זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, ווי מיט אַן אבן-טוב, ווי מיט גאָר אַ נאָענטן פריינט. פאַר גרויס פרייד האָט זי אים אַ קוש געגעבן. פון יענעם מאָמענט אָן האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזן פון זיך. פון צווישן די אַלע מענטשן אין דעם געדרענג, איז ער דאָך געווען איר סאַמע נאָענטסטער, כמעט אַן אייגענער. יואל, ווי דער מאַנצביל, האָט דאָ געדאַרפט שפּילן די ראָל פון איר באַשיצער און באַגלייטער.

הייסט עס, אַז אויך זי, האָט דער מאַן אירער, איר אייביקער שקלאַף,

אוועקגעשיקט אַהערצוצו, ביז וואַן די אומרו און שרעק פאַר אַ פאַגראַם וועט פאַראיבער — האָט יואל אין זעלביקן מאָמענט אַ טראַכט געטאָן.

אַננאַ איז מער־ווינציקער פריי געווען אין איר פערזענלעכן לעבן; זי האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע שטערונגען, מצד איר מאַן, רפאל מאַגיד. קודם איז ער כסדר געווען פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, און האָט איר בכלל אַלץ נאָכגעגעבן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך איצט געפילט גאָר הייפערדיקער, אויפגעלייגטער; ווי אַ באַפרייטע פון אַ זאָרג וועלכע עס איז עולן און אחריותן.

— כ׳בין איצט אַ פרייער מענטש, יואל — האָט זי אויפגעאָטעמט און אַרויסגעפליסטערט. כ׳דאַרף דאָ קיינעם קיין פאַרענטפערונג ניט געבן. כ׳קען גיין וואו איך וויל און קומען ווען איך וויל, פריי פון פליכטן צו עמעצן . . . אָ, ווי גוט סע איז פריי צו זיין! . . .

— גוט וואָס דו ביסט דאָ, יואל, — האָט אַננאַ נאָך אַלץ דריקנדיק זיין האַנט געזאָגט. — ס׳איז אַזוי אומעטיק צו זיין אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט . . . בלייב דאָ מיט מיר, יואל, ביז דער טומל און גערודער וועט אַריבער, וועלן מיר דערנאָך ביידע צוזאַמען זיך אַהיים אומקערן . . .

יואל איז געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער, אַן אומרואיקער, אַ ניט אַנטשלאָסענער וואָס איר צו ענטפערן אויף דעם מאָמענט. אירע פריינדלעכע אינטימע רייד האָבן יואלן אַ ביסל ווי צעטומלט און אויך גערירט . . . פאַרשיידענע געדאַנקען, מחשבותן און פאַנטאַזיעס האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען וועבן אין זיין מוח, און ווי געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן . . .

ע ר , ז י , אין אַ פרעמדער שטאָט . . . ווייט פון דערהיים . . . פאַר אים איז אויפגעגאַנגען יענער אינטימער מאָמענט, מיט איר, ביי איר אין סאַליע . . . אירע צערטלעכקייטן צו אים האָט אים דאַן שיער ניט משוגע געמאַכט . . . דער קאַמף וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, זיין אַנטלויפן פון איר און פון זיך . . . דאָס דאָזיקע בילד האָט אים ווי געשווינדלט פאַר זיינע אויגן . . . און דאָ פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרטעט . . . ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט וואָלט זייער גורל צוזאַמענגעפירט . . . זיכער איז עס געווען פאַר אים ד אַ ן אַ גרויסער נסיון . . . און איצט פילט ער ווי דער נסיון איז נאָך גרעסער שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זיינען דאָ ביידע פריי, אַן מורא, אומגעשטערט פון קיינעם . . . דאָך האָט ער געפילט, אין אָט די געצייילטע מאָמענטן, ווי זיך אַרויסצורייסן פון דעם לאַבירינט פון געמישטע געפילן . . . אויך איצט האָט ער געוואָלט, ווי זיין טבע איז געווען, פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם קנויל פון געדאַנקען, וואָס האָט אים אַרומגענומען, וועגן אַננאַן. הגם אין דעם איצטיקן מאָמענט איז זי געווען כמעט דער צענטער פון זיין דענקען, האָט ער אָבער תיכף ניט געענטפערט אויף אירע בקשות, אָנבאָטן און אָנצוהערענישן . . . מחמת, גלייכצייטיק, האָט אויך אין זיין מוח אים געעגבערט אַ צווייטער געדאַנק, וואָס ניט געלאָזט האָט אים צורו — זיין היים . . . וואָס טוט זיך דאָ ט איצט? וואָס איז מיט זיין פאָטער, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזן אַ קראַנקן, נאָך פאַר זיין אַוועקפאָרן? און ווי שווער סע איז פאַר דער מוטער זיינער, וואָס דאַרף אַלץ אויף אירע קראַנקע פּלייצעס איבערטראָגן.

דער געדאַנק צו פאָרן אַהיים ווי אַמגיכסטן האָט אים אין דער זעלביקער צייט שטאַרק באַאומרואיקט. וואָלט יואל געוואוסט וועגן זיין פאָטערס טויט,

וואָלט ער אויף קיין איין מאָמענט ניט געספּעקט, און וואָלט אַפילו צופוס געלאָפן אַהיים, כדי צו זיין ביי דער זייט פון זיין ליבער מוטער, טיילן דעם צער און טרויער מיט איר צוזאַמען . . .

יואל מיט אַנגאַן זיינען דערגאַך, האַנט אין האַנט, אַרויס פון וואָקזאַל, וועלכער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט יידן, יידענעס און קינדער. דער טומל און געפּילדער איז געווען אַ גאַנץ היפּשער אינווייניק, כאָטש די געמיטער ביי אַלעמען זיינען געווען זייער אומרואיקע און געדריקטע.

זיי זיינען שטיין געבליבן אין פרייען דרויסן אויפן באַן־הויף, און פרייער אָפּגעאָטעמט. די לופט איז געווען אַ פרישע, אַ פרילינגדיקע, ווי אין אַ העלן פרילינג־טאָג. די זון האָט געוואָרפן מיט וואַרעמע שטראַלן, אויף אַלץ און אויף אַלעמען, און איבער אַלץ, האָט דער הויכער באַגלידעטער קופּאָל, פון שטאָטישן קלויסטער, שימערירנדיק אויפגענומען די זוניקע שטראַלן, און זיך ווי געריסן מיט זיין צלם־שפּיץ צו די בלויע הויכקייטן . . . זיי האָבן מיט אַמאָל דערזען אַ בילד וואָס האָט פאַרכאַפּט זייערע אויגן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט עס צו באַוואונדערן: —

אַ גאַנצע סטאַיע ווייסע טייבעלעך, אין אַ ראַנד, האָבן מיט האַסטיקע באַ־וועגונגען, אונטערשפּרינגענדיק מיט זייערע אַש־ראָזעווע דינינקע פיסעלעך, אויפ־געכאַפּט מיט זייערע שאַרפע שנאָבעלעך יאַדרעס, און קאָרן־זוימעלעך, וואָס אַן אַלטער, אויסגעדינטער מיליטער־מאַן האָט אַלעמאָל צו זיי אונטערגעוואָרפן. אויך זיינען אַ פּאָר געוואַגטערע טייבעלעך, אָן שרעק און אָן פלאַטער, געשטאַנען אויף ביידע אַקסלען פונם אַלטן, און האָבן פון זיין זשמעניע די זוימען אויפ־געכאַפּט, וואָס ער האָט, פון מאָל צו מאָל, זיי אונטערגעטראָגן . . .

יואל האָט שטיל באַטראַכט דאָס דאָזיקע בילד. ער האָט באַוואונדערט די רואיקייט, די אידילישע פרידלעכקייט פון דעם גאַנצן אַרום . . . אַ בילד פון „שטיל לעבן” האָט ער ווי טראַכטנדיק אין דער הויך, צו זיך באַמערקט . . .

— דאָ, און דאָרטן . . . אין דער היים איצט, ווער ווייס וואָס אין דעם מאָמענט קומט דאָרטן פאָר? די ווילדע בעסטיעס האָבן זיך שוין מסתמא ווידער אַמאָל צעיושעט און באַפאַלן אומשולדיקע מענער, פרויען, קינדער און זקנים. רויבן, שענדן און מאָרדן. ווידער האָט אים מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט אַן אומרו־איקער געפיל: — לויפן! לויפן תיכף אַהינצו.

— וואָס טו איך דאָ!? וואָס שטיי איך דאָ אין אָט דער אידילישער אַרו־מיקייט, ווען דאָרטן וואַרט מען אויף מיר, דאַרף מען מיך האָבן! . . . האַרץ־רייסנדע געשרייען און קלאָגן, בעטן הילף. און, איך דאָ . . .

מע האָט אים געזאָגט אַז אויך דער „דיליזשאַנס” גייט היינט ניט אָפּ, צוליב אָט דער גרויסער בהלה . . . — איז אפשר זאָל איך גאָר גיין צו פוס! מיט אַ שנעלן טראָט וועל איך אפשר נאָך היינט־נאַכט קענען אַהיים אָנקומען . . . דער וועג איז איצט אפילו זייער ריזיקאַליש: אויף די וועגן און שליאַכן לויערן איצט די ווילדע רוצחים, אָנגעזאַפּט מיט שנאה, מיט האַס צום יידן. און שנאה, אומווויסנקייט ווייסט ניט פון קיין גיבול און מאָס, ווייסט ניט פון לאָגיש־דענקען . . . הרגענען זיי, די אומווויסנדיקע, מאָרדן און רויבן; מעגסט אפילו אַליין זיין אָרעם ווי זיי, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, וועלן זיי דיך אומברענגען סיי־ווי, מחמת ביסט אַ ייד . . . ביי אַ סך פון זיי איז עס אַ „ספּאָרט”־זאַך געוואָרן, סתם אַ לוסט

צו הרגענען . . . גייט איצט אַרום קין, פראַנק און פריי, און וואו נאָר ער באַגעגנט איינעם מיט אַן אבל־צייכן, איז ער אים גרייט צו ממיתן . . . דער געדאַנק, אַז אין דער היים גיסט זיך איצט יידיש בלוט, און אַז דאָס ביסל האָב־און־גוטס פון דער אָרעמשאַפט ווערט איצט צעשפּליגדערט, האָט אויף קיין מאָמענט אים ניט אָפּגעלאָזט. די רייכע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, האָבן זיך מסתמא באַוואָרנט, און אויב אפילו מע וועט ביי זיי יאָ אויסראַבעווען, וועלן זיי נאָך אַלץ האָבן מיט וואָס זיך צו באַנייען. וואו וועלן די אָרעמע נעמען אַ קישן, דעם מידן קאָפּ אַוועק־צולייגן, אַ בענקל, ווען דאָס לעצטע ווערט ביי זיי אַוועקגערויבט? אָט, זעסט דאָך, האָט ער ווי מיט זיך אַליין געחקירט: זיי, די פאַרמעגלעכע זיינען גאָר אַנטלאָפן פון דער סכנה, כדי צו ראַטעווען דעם נפש, די אָרעמע אָבער זיינען געבליבן אין שרעק און אויף גאָטס באַראָט! איז ווער זאָל זיי העלפן? . . .

— יאָ, די זעלבסט־שוץ דאַרף מיך דאָרטן האָבן . . . און איך דאָ, אַ זי־כערער, מיט אַנגאַן ביי מיין זייט . . .

—אַ שיין פנים האָט עס — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן, זיך אַליין גע־מוסרט . . . ער האָט מיט אַמאָל זיך דערפילט קליין אין זיינע אייגענע אויגן . . . אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז אויך ער איז פון די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דאָרטן, פון דער געפאַר, אַז אויך ער זוכט די באַשיצונג, זיכערונג און רעטונג . . . איז עס ניט אַ צביעות, אַ פאַלשקייט פון מיין זייט? . . .

אין דעם מאָמענט האָט ער מיט אַמאָל אַ קער געטאָן זיינע אויגן צו אַנאַן און דורכדרינגלעך זי באַטראַכט; ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַראָפּלייענען פון איר פנים: וואָס איז איר טראַכטעניש אין איצטיקן מאָמענט? לעבט זי אויך איבער אַן אומרואיקייט, אַ ראַנגלעניש מיט זיך, ווי ער? . . .

איר איילבערט־מאַטאָווער שיין פנים איז באַהעלט געווען מיט אַ זוניק רואיקער צופרידנקייט. קיין צייכן פון שווערע איבערלעבונגען אָדער אַן אומרו האָט ער אויף איר געזיכט ניט באַמערקט. אַזויווי אָט דער גרויסער יידישער אומגליק, האָט זי איצט נישט באַרירט און האָט צו איר גאָר קיין שייכות ניט. אמת, קיין פערזענלעכע זאָרג, אין לעבן, האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט; קיין קינדער אין דערהיים ניט איבערגעלאָזט; זאָרגן פאַר עמעצן, אַן אַנדערן, איז בכלל ניט געווען אין איר נאַטור אָדער טבע. מע האָט דאָך כסדר געזאָרגט פאַר איר, כסדר איר נאָכגעגעבן! . . . און דאָ איז זי איצט אַליין, פריי פון מאַן, פריי פון משפחה, און וואָס מער פון אַלץ, דער צופאַל אָדער גורל האָט נאָך אַזוי איר צוגעשפּילט, אַז אָט דער יונג, יואל, צו וועלכן זי איז לעצטנס גאָרנישט גלייכגילטיק, זאָל זיך מיט איר דאָ צוזאַמענטרעפן! . . .

אויך אַננאַן איז איצט דורכגעלאָפן אין איר מוח אַ דערמאַנונג, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. זי האָט אַרויסגערופן אין איר געדאַנק יענע באַגע־געניש מיט יואלן, ווען זי איז מיט אים געווען אַליין אין איר סאַליע . . . אָ, ווי נאָענט זי איז שוין געווען מיט אים . . . וואָס זי קען ביז היינט ניט פאַרשטיין, וואָרום האָט דעם יונג דאַן אַרומגעכאַפּט אַזאַ מורא און ציטער?! מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך איז ער צו איר געווען . . . ביז היינט צו טאָג קען זי עס נאָך אַלץ ניט באַנעמען, אָט די האַנדלונג זיינע. זי איז דאַן גרייט געווען פאַר אים מיט אַלץ . . . אויף דאָס העכסטע וואָס אַ פרוי, פון איר שטאַנד, קען זיך דערלויבן, און וואָס אַ מאַנסביל, ווער ער זאָל ניט זיין, וואָלט זיך נאָר געקענט

וואונטשן, מיט אַזאַ שענקונג פון אַ שיינער פרוי באַגליקט צו ווערן! . . . און דאָך האָט ער זיך פון איר ווי מיט געוואַלד אַרויסגעריסן, אַנטלאָפן . . . ווי יוסף הצדיק פון פוטיפרת׳ן . . . זי האָט זיך דאַן געפילט אַנטוישט און באַליידיקט. אָבער איצט האָט זי אים פאַרגעבן. כאָטש, זינט יענעם מאָמענט, האָט זי ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַ מעגלעכער באַגעגעניש מיט אים, און האָט צו אים געפילט, די גאַנצע צייט, אַ הונגער פון אַ ניט געזעטיקטן איבערגערי־סענעם סענסועלן באַגער . . . איר נייגעריקער באַגער צו יואלן האָט זיך ביי אָט דער באַגעגעניש נאָך מערער צעשפּילט . . . דאָ, אָבער, האָט זי מיט צו־פרידנקייט אַ טראַכט געטאָן, איז ער אוודאי אַנדערש . . . דאָ האָט ער ניט קיין סיבות צו פלאַטערן און מורא האָבן. יאָ, עפּעס ווי ס׳איז אָנגעצייכט געוואָרן פון ערגעץ, אַז זיי זאָלן זיך דאָ, אין אַ פרעמדער שטאָט, צוזאַמענטרעפן, אומגעשטערט פון קיינעם, אָן מורא פאַר עמעצן . . .

אַ פריידיקע דערהויבענע דערוואַרטונג האָט זי געפילט און פאַראויסגעזען, און די דאָזיקע סענסועלע פרייד איז געווען אויף איר צופרידן פּנים ווי אויס־געגאָסן . . . מע האָט עס ממש געקענט אַראָפּלייענען פון איר געזיכט, פון די ווינקלען פון איר מויל, פון אירע זאַפטיקע קאַרמין־רויטע ליפּן . . .

יואל האָט מיט אַמאָל ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ פּלוצלונגען בליציקן געדאַנק. ער האָט אַ נעם געטאָן אַננאַן ביי דער האַנט און דרייסט צו איר אַ זאָג געטאָן:

— קומט מיט מיר, אַנאַ, מיר׳ן אַריינגיין אָט דאָ, ניט ווייט פונדאַנען, אין אַ קעלער רעסטאָראַציע, און פרייער פון אַלץ עפּעס איבערצוכאַפּן, עפּעס אָפּ־צועסן. דערנאָך וועלן מיר שוין זען, וואָס מע קען טאָן: שטיין דאָ און קוקן אויף די שיינע טייבעלעך, האָט ניט קיין זין, און ס׳איז פּשוט אַן עבירה די טייערע צייט צו פאַרלירן . . . יואלס פּלוצלינגדיקע אַנטשלאָסנהייט און אויפלעבונג, האָט אַננאַן איבערראַשט און זי איז מיט אַמאָל ווי אויפגעלויכטן . . . זי האָט זיך איצט משער געווען, אַז אַן אינערלעכער איבערבייט אין יואלן איז איצט פאַרגעקומען. ער האָט ענדלעך איינגעזען די זינלעכקייט פון זייער פרייען מאָמענט. ענדלעך האָט ער זיך באַפרייט פון דעם האַרבן געמיט־צושטאַנד וואָס האָט אים כסדר געהאַלטן אין צאַם און אין קלעם . . . זי האָט איצט די סיבה פון יואלס לעבעדיקע באַוועגלעכקייט אויפגעפּאַסט אין גאַנצן אַנדערש, ווי יואל האָט אין דער אמתן געפילט. יואל איז געטריבן געוואָרן צו זיין איצטיקער אַנטשלאָסנקייט און האַנדלונג פון אַ גאַנץ העכערן מאָטיוו און דראַנג. זיין געדאַנקען־גאַנג איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער און ווייט ניט אוניסאָן מיט אירע איצטיקע מחשבותן און געפילן. אויב ס׳איז אים דורכגעלאָפן מאָמענטאַנע זינדיקע מחשבות וועגן אַננאַן, האָט ער זיי געזוכט מיט זיין גאַנצן כוח הדמיון צו פאַרטרייבן, אונטערדריקן אין זיך. ער האָט געפילט ווי ער הערט איצט די בלוטיקע ווייי־געשרייען פון אומשולדיקע קרבנות; זיין בלוט האָט אין אים געזאָדן קעגן דעם אומרעכט און פאַרברעך וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אַ הילפלאָזער געמיינדע יידן, אין זיין היים־שטאָט. דער געפיל און ווילן צו זיין דאָרטן מיט זיי, אפשר וועט ער עמעצנס אַ וואונד קענען היילן, אַ לעבן ראַטעווען, בלוט־פאַרגיסונג פאַר־מיידן! אָט דער געפיל, אין דעם מאָמענט, איז געווען ביי אים דער אַלהערשנדי־קער, דער שטאַרקסטער און עמאָציינעלסטער. ש ט אַ ר ק ע ר ווי דער קערפּער־

לעכער, סענסועלער באַגער זיינער צו אַננאַן. כאָטש איר פּרעכטיקער שיינער געשטאַלט נעבן אים האָט אים, ניט וויניק, גערייצט און אַזויפיל פריידיקייט און גליק צוגעזאָגט . . .

זיי זיינען צוגעקומען צו דער רעסטאַראַציע, יעדער פאַרנומען מיט באַזונדערע געדאַנקען און געפילן . . . אַרונטערקומענדיק אין דער קעלער־רעסטאַראַציע, האָבן זיי אויך דאָרטן געטראָפן אַן אויפטרייסלענדיקע אומרואיקייט צווישן די אנוועזנדיקע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, און באַטראַכט דעם אַרום, די מענטשן, און אויך דערפילט די שטימונג . . .

ווען דער קעלנער איז צוגעקומען צו זייער טישל, האָט יואל אים געהייסן דערלאַנגען זיי אַ מאַלצייט. אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט ער אויך באַמערקט, ווי אַ קליינע גרופּע יונגעלייט זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל פון רעסטאָראַן, און מיט אומרו און אייפער ערנסט צווישן זיך גערעדט. פון אַן אויפגעכאַפּטן וואָרט, וואָס ער האָט דערהערט, פון דעם געזעמל, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז זיי ריידן וועגן דער פּאָגראָם שטימונג אין זיין היים־שטאָט; און אַז די יידן דאָרטן זיינען איצט אין איין גרויסער שרעק און יאוש . . . צווישן דעם געזעמל, פון די יונגע לייט, האָט ער מיט אַמאָל אויך באַמערקט אַ באַקאַנטן פון זיין שטאָט, חבר שמילעק דער קאָסאָקער. אַן אַקטיווער זעלבסטשיצלער . . . יואל איז תיכף צו אים צוגעלאָפן אויסצוגעפונען מערער פּרטים וועגן דעם גאַנצן ענין: שמילעק האָט אים אַלץ דערציילט, און אַז ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן אַהער, בעטן הילף, וואָלונטירן און געווער אויב מעגלעך. ער האָט דערנאָך פאָרגעשטעלט יואלן פאַר דעם געזעמל ווי איינער פון דער זעלבסט־שוץ. יואל האָט זיך דערוואוסט פון זיי, אַז זיי שטעלן צוזאַמען איצט אַן טאַריאַד פון פופצן פּערזאָן. די פופצן וועלן זיך פאַנאַנדערטיילן אין דריי קליינע גרופּן צו פינף פּערזאָן, און וועלן נאָך היינט אַרויסלאָזן זיך צו פוס, דורך באַזונדערע וועגן, כדי ניט צו ציען אויף זיך קיין צו גרויסן אויפמערק. אויב ס'וועט געלונגען אַ פור אויפן וועג באַגעגענען איז מה טוב, וועלן זיי אָנקומען נאָך שנעלער און קענען באַהילפיק זיין די דאָרטיקע זעלבסט־שוץ. די וואָלונטירן זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט רעוואָלווערן, שווערע בלייענע הענטלעך און מעסערס, פאַר דער פאַרטיידיקונג . . .

יואל האָט תיכף וואָלונטירט מיטצוגיין מיט איינער פון די גרופּעס. ער איז נאָכדעם צוגעקומען צום טישל, וואו אַננאַ האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אויף אים, מיט דעם מאַלצייט. ער האָט שווייגנדיק און אין איילעניש אָפּגעכאַפּט דעם עסן . . . אַננאַ האָט נאָכגעפאָלגט, שווייגנדיק, זיין איצטיקע אומרואיקייט און די פּלוצלינגע אויפגעאייטערטקייט אין אים. זי האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז עפּעס ערנסטעס וועט דאָ באַלד געשען מיט אים . . . יואל האָט טאַקע נאָכן לעצטן ביסן אין מויל זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, ערנסט און דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— ס'טוט מיר לייד, אַננאַ, פליכטן רופן מיך, הייליקע מענטשלעכע פליכטן . . . לענגער דאָ מיט אייך קען איך בשום אופן ניט פאַרבלייבן . . .

ער איז תיכף אַוועק מיט דער גרופּע „פוס־גייער" נאָך זיין היים־שטאָט.

* * *

אונטערן שטאָט, אויף יענער זייט טייך, וואו סע טיילט אָפּ די יידישע אָרעמע שכנהשאַפט פון דער גוישער, האָט דער גרויסער אומגליק געטראָפן . . . איין גרופּע פון די „פוס־גייער"־זעלבסטשיצלער זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט דורך

דער גויישער זייט. אַ באַנדע ווילדע כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן די פינף יונגע לייט, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין דעם האַלב־טרוקענעם טייך צו דער יידישער אָרעמשאַפט.

אַ בלוטיקער מערדערלעכער געשלעג איז פאָרגעקומען. פינף יידישע בחורים קעגן אַ פיל גרעסערער צאָל אָנפאַלער. אמת, אויך פון די רוצחים זיינען געפאַלן אַ פּאָר קרבנות, אָבער לעבעדיק זיינען די פינף קדושים שוין ניט געבליבן: זיי זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער מערדער־באַנדע און זיינען איבערמעכטיקט געוואָרן פונם שונא. די פינף קדושים זיינען אַזוי מערדערלעך, אַזוי שוידערלעך געפייניקט און צעמיתט געוואָרן, אַז סע איז שווער געווען זיי צו דערקענען. ווען די פּאָליציי־מאַכט איז נאָכדעם אָנגעקומען, איז שוין קיינער פון דער באַנדע ניט געבליבן, חוץ די טויטע פּאָר כוליגאַנעס און די פינף מאַרטירער־קדושים . . .

מיט זייער בלוט, מיט זייער לעבן, האָבן זיי טאַקע אָפּגעשטעלט דעם ווייטערן אָנגריף אויף דער יידישער באַפעלקערונג, אויף וועלכער מע האָט גאַנץ ערנסט געריכט זיך די לעצטע עטלעכע טעג. מיט זייער טויט האָט זיך פאַר־ענדיקט דער בלוטיקער ספּעקטאַקל, און די שרעק און מורא פאַר נאָך אַ פּאָגראָם האָט זיך, לעת־עתה, אַ ביסל איינגעשטילט.

די פינף קדושים האָט די זעלבסט־שוץ אַריבערגעבראַכט פון דער גויישער זייט, פון יענער זייט טייך, אויף דער יידישער זייט. די גאַנצע אָרעמשאַפט, די אַרבעטערשאַפט, די קרעמער, יונג און אַלט, זיינען נאָכדעם אַרויס אין גאַס צו דער גרויסער לוויה ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פינצטערער רעאַקציאָנערער מאַכט, וועלכע האָט דערפירט צו אַזאַ טרויעריקן, בלוטיקן מצב. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן הספדים איבער די פינף מאַרטירער, סיי ביים גרויסן בית־המדרש און סיי אויפן בית־עולם ביים קאָלעקטיוון קבר זייערן. רעדנער זיינען געווען פאַר־טראָטן פון אַלע ריכטונגען, וואָס זיינען נאָר געווען דאָרטן אויף דער יידישער גאַס, און . . . אפילו אין אָט דעם בלוטיק־טרויעריקן מאָמענט האָבן די פּאַרטיי־רעדנער, פונדעסטוועגן, ניט פאַרפעלט צו שלאָגן אַ ביסל פּאָליטישן קאַפּיטאַל פאַר זייערע פּאַרטייען . . . איינער האָט אָנגעוויזן, אַז דער קדוש זאַנוויל שוסטער האָט אָנגעהערט צו זיין פּאַרטיי, און אַן אַנדערער האָט עס נאָך מערער פאַר־שטאַרקט און באַטאָנט, אַז נאָר די פּאַרטיי, אין וועמענס נאָמען ער האָט דעם כבוד צו רעדן, האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ קעמפער און מאַרטירער ווי וואָוקע דער בענקלמאַכער . . . יואל, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען איינער פון אַ גרופּע פון די „פּוס־גייער", וועלכע זיינען צום גליק אָנגעקומען בשלום אַהיים, דורך אַן אַנדער וועג, און האָבן אויסגעמידן דעם בלוטיקן צוזאַמענשטויס. שווער און צעבראָכן איז אים געווען זיין האַרץ, דערהערנדיק די שלעכטע טרויעריקע בשורה פון זיין פאָטערס טויט. ווי שטאַרק ער האָט זיך מצער געווען פון זיין פערזענ־לעכן אומגליק; וואָס ער האָט די מוטער זיינע געטראָפן אין אַזאַ טרויעריקן מצב: אַן עלנטע, אַ צעבראָכענע, און פון גרויס עגמת־נפש איז זי פאַר די פּאָר וואָכן שטאַרק פאַרעלטערט און גרוי געוואָרן, אַז ער האָט שיער ניט צוזאַמענגעבראָכן; דאָך האָט ער געזוכט די מאַמע זיינע צו טרייסטן, באַרואיקן:

— מאַמע טייערע, ס'איז אונדזער אַלעמענס אומגליק! דער צער און טרויער אין אַן אַלגעמיין יידישער. וויפיל האָט געפעלט, אַז אויך איך זאָל געווען זיין צווישן די מאַרטירער קדושים? . . . ער האָט באַרואיקנדיק צערטלעך צוגע־

געדריקט די מוטער צו זיך און איז דערנאָך אויך אַרויסגעקומען צו דער פּאָלקס־לוויה . . .

יואל איז געבליבן שטיין צווישן דעם גרויסן המון; ער איז צופיל געווען פאַר׳צער׳ט פון זיין פערזענלעכן יאוש, ער זאָל זיך געווען ווייזן פאַרן עולם, צווישן די רעדנער אויבן־אָן, ווי ס׳האָבן געטאָן זיינע מיטגייער. ער איז געשטאַנען צווישן עולם און זיך צוגעהערט צו די רעדנער אין אַ זייער דענערווירטן געמיט. די רייד זייערע זיינען אים געווען מוראדיק דערווידער. צו אים האָט עס אויס־געזען, אַז די גאַנצע ריידעריי, ווי נאָך אַן אַקט, אַ המשך פונם גרויזאַמען ספּעק־טאַקל . . . אַז די באַרימערייען פון די פּאַרטיי־רעדנער זיינען געווען צו אים ווי זאַלץ געשאָטן אויף זיין צעוואונדיקט האַרץ. ער האָט געפילט אין יענעם מאָמענט ווי אויסצושרייען:

— גענוג! פּלאַפּלט ניט מער מיט אייערע פאַלשקייטן און צביעות. פאַר־שוועכט ניט די הייליקייט און מאַרטירערשאַפט פון די פינף קדושים, וועלכע זיינען געגאַנגען און געפאַלן על־קידוש השם, ניט פאַר דער אָדער יענער פּאַרטיי! זיי איז אפילו אויפן זינען ניט אַרויפגעקומען אייערע פּאָליטישע אַמביציעס. זיי זיינען געקומען אַהערצו מיטן ריינסטן און הערלעכסטן מאָטיוו; אונדז אַלעמען צו העלפן, כדי צו פאַרמיידן דאָ אַ בלוטבאָד. מיט זייער בלוט און יונג לעבן, האָבן זיי טאַקע אַ גרויסע שחיטה אויף יידן דאָ אָפּגעשטעלט; זיי זיינען לכתחילה געגאַנגען על־קידוש השם, כדי צו פאַרטיידיקן דעם כבוד און לעבן פון אונדז אַלעמען. און ווי אַזעלכע דאַרפן מיר זיי באַערן און הייליק געדענקען . . .

אָט די ווערטער האָט יואל געוואָלט אויסשרייען בקול רם . . . ער האָט עס אָבער ניט געטאָן: זיין קעל איז אים געווען פאַשטיקט; זיין האַרץ צעווייטיקט און פאַרקלעמט . . .

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט טרערן אין די אויגן האָט ער שטיל אַרויס־געררוקט זיך פון צווישן דעם געדיכטן המון, און אַ טרויעריקער, מיט אַ שווער געמיט, אַוועקגעלאָזט זיך אַליין אויף אַן איינזאַמען וועג . . .

דוד אַפּאַלאָוו

# מיט אַ זייטיקן געסל

איך וועל גיין אין אַ זייטיקן געסל,
וואו איך קען הערן דעם אָפּהילך
פון מיינע אייגענע טריט;
וואו קליינע, פאַרקלערטע הייזלעך
האַרמאָנירן מיט מיין געמיט;
וואו מיט מיר גייט מיט
מיין ליכטיקע בענקשאַפט
און זאָגט צו מיר אַזוי:
ווי גוט עס איז צו פאַרלאָזן די אומרו,
און אַלצדינג וואָס איז גרוי.

ד״ר ח. מ. ראַטבלאַט

# רחל — די דיכטערין פון גורל און ליידן

(פון דער סעריע „העברעאישע דיכטערינס און דערציילערינס״)

די אויפבליאונג פון דער העברעאישער שפּראַך אין ארץ ישראל האָט געהאַט אַ קאַלאָסאַלע ווירקונג אויף דער יידישער פּרוי: ניט נאָר האָבן זיך פאַר איר אַנטפּלעקט אונדזערע אַלטע און נייע קולטור־אוצרות, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט איר עמפּינדערישע און צאַרטע נשמה און באַרייכערט איר וויסן, נאָר זי האָט אויך אָנגעהויבן צו בעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שאַפונג פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור; אונדזער פּאָעזיע איז באַרייכערט און דערהויבן געוואָרן דורך איר אָנטייל, און איר איינפלוס מערקט זיך אויך אין דער דערציילונג.

מיר פאַרמאָגן איצטער אין ארץ ישראל אַ גאַנץ באַדייטנדע גרופּע העברע־אישע דיכטערינס און דערציילערינס, וועלכע פאַרנעמען אַ גאַנץ בכבודן פּלאַץ אין אונדזער מאָדערנער העברעאישער קולטור, הן אין כמות, הן אין איכות, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקן, ספּעציפישן פרויען־טאָן וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען הויפּטזעכלעך אַ ליטעראַטור געשאַפן ביי מענער און פאַר מענער, און די פרוי האָט אין איר שאַפונג נישט געהאַט קיין חלק.

איינע פון די גאָר באַדייטנדסטע שעפערינס פון אונדזער מאָדערנער העב־רעאישער פּאָעזיע איז, בלי שום ספק, געווען די דיכטערין רחל. זי האָט בייגע־טראָגן און באַרייכערט אונדזער פּאָעזיע מיט איר אייגענער דיכטונג, און איז אויך געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אַנדערע פרויען דיכטערינס. זי איז באַליבט געווען ביים לעבן, און איר פּרעסטיזש האָט שטאַרק געשטיגן נאָך איר טויט; ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא אין אונדזער באַהויפּטונג, אַז איר באַשיידן אין קורץ לעבן און איר טראַגישער טויט האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דער שאַפונג פון דעם אייגנאַרטיקן „רחל־קולט״, וואָס הערשט אין געוויסע קרייזן פון ארץ ישראל. אָבער די הויפּט־סיבה פון דעם „רחל־קולט״ איז סוף כל סוף איר צאַרטע, לירישע פּאָעזיע, וועלן מיר דעריבער פּרובירן צו אַנאַליזירן די עלעמענטן פון איר דיכטונג.

די פּאָעזיע פון רחלען איז פּשוט ווי דער אומשולדיקער אויסדרוק פון אַ קינד, און באַשיידן הארציק ווי דער ערשטער ליבע־אויסגוס פון אַ פאַרליבט מיידל, וועלכע שטייט נאָך מיט איין פוס אויף דער שוועל פון די פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן און מיט דעם צווייטן — אויף דער שוועל פון מיידלשער רייפקייט; איר פּשטות איז ניט אַ רעזולטאַט פון פלאַכקייט, אָדער, ווי אייניקע קריטיקער דענקען, פון אָרעמקייט פון שפּראַך, נאָר פון אַ טיפער, ערנסטער באַשיידנקייט, און פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען פון שאַבלאָנע פּוסטע מליצות און פון אַן אינערלעכן נשמה־דראַנג צו רייניקן אירע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און געדאַנקען פון יעדן שטויבעלע פּסולת פון איבערפלאַכע סענטימענטן, אַז דעם לייענערס אויער זאָל זיין מסוגל אין זיך איינצוזאַפּן אירע באַשיידענע אויסקריס־טאַליזירטע נשמה־אויסדרוקן און זיי אָפּהיטן ווי אַ פריינט און אַ ברודער.

רחלס פּאָעזיע איז דורכזיכטיק קלאָר ווי אַ וואַסערל וואָס פליסט פון אַ באַרג-קוואַל, טיף ווי דער תהום פון מענטשלעכע ליידן, צאַרט-מוזיקאַליש און באַשפּרענקלט מיט מיסטיש-רעליגיעזער דבקות . . .

די צוויי הויפּט-מאָטיוון פון איר פּאָעזיע זיינען: גורל און ליידן. נאָך אין אירע קינדער-יאָרן האָט זי געפּייניקט דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַ שטענדיקער געראַנגל מיט אומזעבאַרן פּאַטום, וועלכער שפּילט זיך מיט אונדז און אונטער אונדזערע פּלייצעס וויזט עס אונדז שפּאָטיש זיין צונג. נאָך אין אירע קינדער-יאָרן האָט זיך איר צאַרטע נשמה געקאָרטשעט פון שמערץ, זעענדיק, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פילנדיק מיט איר פּאָעטישער נשמה די מענטשלעכע ליידן. זי האָט מיטגעפילט מיט יעדן ליידנדן און ווי אַ באַרעמהאַר-ציקע מוטער, וועלכע איז גרייט מקריב צו זיין איר לעבן צוליב איר קינד, אַזוי איז רחל גרייט געווען מקריב צו זיין איר לעבן בכדי צו לינדערן די מענטשלעכע ליידן.

אַדורכגעדדונגען מיט די פּעסימיסטישע שטימונגען, האָט זי פּלוצים דער-הערט די שטימע פון אירע געפּייניקטע ברידער און שוועסטער; זי האָט געזען דעם תהום פון אונדזערע אומענדלעכע ליידן, אין איר יידיש באַוואוסטזיין, וועל-כעס האָט ביז דאַמאָלס געדרימלט אין די טיפענישן פון איר האַרץ, האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ העליש פייער און איבערפילט איר גאַנץ וועזן.

זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם שטראָם פון דער צווייטער עליה. מיט אַ פעסטן באַשלוס צו באַפרוכפערן דעם באָדן פון ארץ ישראל מיט איר שווייס און בלוט, פאַרלאָזט זי רוסלאַנד, אין וועמענס באָדן איר נשמה איז געווען טיף פאַראַנקערט, צו וועמענס קולטור איר גאַנץ וועזן איז געווען צוגעבונדן בלב ונפש, און אין וועמענס שפּראַך זי האָט געדיכטעט אירע ערשטע לידער.

דאָס פאַרלאָזן רוסלאַנד איז געווען פאַר רחלען אַ טיפע נשמה-אָפּעראַציע. דאָס איז געווען אַן אָפּשייד פון אַ פאַרליבטער טאָכטער פון איר געליבטער און פאַרגעטערטער מוטער. אָבער דער רוף פון פאָלק האָט, פאַר אַ ווייליטשקע, אָטראָ-פירט איר נשמה-בונד צו רוסלאַנד, צו אירע וועלדער, בערג און טייכן, צו איר נשמה רחבותדיקייט וואָס איז אויסגעגאָסן איבער אירע סטעפּעס; איר דיכטע-רישע פאַנטאַזיע האָט פאַר איר אויסגעמאָלן פּראַכטפולע בילדער פון איר פאָלקס אַלטער און באַנייטער היימאַט.

רחלס נשמה-איבערברוך האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף איר, פון דער נאַטור שוואַכן און צאַרטן קערפּער, און די פיזישע שווערע אַרבעט פון אַ חלוצה האָט שטופנוייז אונטערגעגראָבן איר געזונט און די ערשטע סימפּ-טאָמען פון שווינדזוכט האָבן איר פאַרטונקלט דעם פּראַכט פון די ארץ-ישראל-דיקע הימלען, דעם רייצנדן צויבער פון ים כנרת און די מאַיעסטעטישקייט פון די בערג פון גליל. איר נשמה ווערט איינגעהילט אין שלייער פון טרויער און מעלאַנכאָליע און די נאַקעטקייט פון דער דאַמאָלסטיקער פּאַלעסטינער לאַנדשאַפט איבערפילט איר האַרץ מיט יסורים און צער און זי זינגט מיט ווייטיק:

הוי ארצי הורתי, מדוע
כה שדוף נופך ועצב?

(אוי, מיין לאַנד, מיין מוטער, פאַרוואָס איז דיין לאַנדשאַפט אַזוי פאַרשרפהט און מעלאַנכאָליש?)

און נאָך שטאַרקער איז איר ווייטיק, ווען זי פאַרגלייכט די נאַקעטקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט מיט דער רחבותדיקייט פון דער רוסישער באַוואַלדעטער לאַנדשאַפט, און אַ פּראָטעסט־געשריי רייסט זיך אַרויס פון די טיפענישן פון איר נשמה:

הוי, אמי! הן נחלה עליך
הן נתבע עלבונך מאל —

(אוי, מאַמע מיינע! מיר קרענקען און ווייטיקן צוליב דיר, מיר וועלן פאָדערן דיין באַליידיקונג פון גאָט.)

און ניט נאָר האָט די נאַקעטקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט זי געפּייניקט און פאַרמרה־שחורהט איר גייסט, נאָר די קאַלטע שפּאָט־באַציאונג פון די אַמאָליקע אידעאַליסטן פון דער ערשטער עליה און איצטיקע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן גאָליק אָפּגעלאַכט פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה און האָבן פאַרהאַקט די טיר פאַר זיי, און זיי געלאָזט שמאַכטן פון הונגער און בויט, בעת זייערע פעלדער און פּרדסים זיינען געווען איבערפילט מיט פרעמדע אַרבעטער.

רחלסליידן זיינען פאַרדרייפאַכט געוואָרן, און האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום די פאָלגנדע דריי הויפּט־פּאָליוסן: פּערזענלעכע, נאַציאָנאַלע און אַלמענטשלעכע.

פּערזענלעכע ליידן: זי האָט ליב געהאַט איר אַרבעט אויף די נאַקעטע פעלדער פון ארץ ישראל, ווי אַ געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע ליבט איר קינד: די שטילע כוואַליעס פון כנרת האָבן זי פאַרכישופט; די מאַיעסטעטישקייט פון די בערג פון גליל האָט באַפליגלט איר מוזע און איבערפילט איר נשמה מיט שאַפערישן עקסטאַז און דיכטערישן שוואונג, אָבער, ליידער, האָט זי געמוזט פאַרברענגען אירע לאַנגזאַמע טעג און שלאָפלאָזע נעכט אין שטאָטישן שפּיטאָל, ווייט פון דער שויס פון דער מאַמע־ערד.

רחלס שיינער און גראַנדיעזער קערפּער האָט געגאַרט און געבענקט נאָך ליבע, אירע נאַטירלעכע מוטער־אינסטינקטן האָבן דערוועקט אין די טיפענישן פון איר נשמה אומבאַשרייבלעכע בענקענישן נאָך אַ קינד. זי פאַנטאַזירט וועגן איר צוקונפטיק קינד, איר פאַנטאַזיע מאָלט איר אויס דאָס געשטאַלט פון איר יינגעלע: אַ שוואַרץ־לאָקנדיקער און אַ קלוגעבקער וועט ער זיין; זי וועט מיט אים שפּאַצירן אויף די שמאָלע שטעגעלעך פון גאָרטן, און אפילו אַ נאָמען האָט זי שוין פאַר איר צוקינפטיק קינד: אורי וועט זי אים רופן. צאַרט און קלינגענד וועט דער קורצער נאָמען זיין, ווי אַ טראָפּן ליכט; און אונטער אירע פלייצעס שטייט דער אומזעבאַרער גורל מיט זיין פאַרקרומט מעפיסטאָפעליש פּנים און מאַכט חוזק פון אירע פאַנטאַזיעס, און שטרעקט אויס זיין העסלעכע צונג צו איר.

אין די מאָמענטן פון גרעאַנגל צווישן פאַטום און פאַנטאַזיע שאַפט זי אירע צאַרטע לירישע לידער, וועלכע זיינען אַ באַשיידענער דיכטערישער בת־קול פון אירע ליידן און האָפענונגען.

איר יאוש שטייגט מיט איר קראַנקהייט. אין איר באַוואוסטזיין ווערט רייף די איבערצייגונג, אַז „צעבראָכן איז געוואָרן די בריק, וועלכע פאַרקניפּט דעם נעכטן מיט דעם מאָרגן”; זי זעט דאָס געשטאַלט פון דעם „מבשר”, זיצנדיק אויף איר בעט, און זי הערט זיין טייוולאָניש געלעכטער: „דער שיר וועט זיין דער לעצטער פון דיינע שירים”. אַ פאַרלאַנג ווערט געבוירן אין די טיפענישן פון איר צעווייטיקטער נשמה איבערצורייסן דעם פאָדעם פון לעבן און מאַכן אַ סוף

מיט איינמאָל צו אַלע אירעליידן, אָבער אַ געהיימער לעבנס-ווילן שעפּטשעט אין אירע אויערן:

אם הימים האלה אחרוני ימי הם —
אהי נא שקטה
לבל ידליח מריי את כחלו השקט
של השחק — רעי מאז.

(אויב די טעג זיינען מיינע לעצטע טעג, לאָז מיך זיין רואיק; זאָל ניט מיין פאַרביטערטקייט פאַרטונקלען די רואיקע בלויקייט פון הימל — מיין פריינט פון אַמאָל.)

רחל באַרואיקט זיך און געפינט דערלייזונג אין שויס פון דער נאַטור. זי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, טראָץ דעם פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, און קערט זיך צוריק פון דער קאָלאָניע ביים ברעג פון כנרת. דאמאָלס שאַפט זי אירע נאַטור-לידער, וועלכע זיינען אַ סינטעז פון מאָלערישקייט, ליריזם און מוזיקאַלישקייט. איר הערט פון זיי דאָס שושקען פון די שטילע כוואַליעס פון כנרת, איר זעט די לויטערע בלויקייט פון ארץ-ישראלדיקן הימל, וועלכער איז אויסגעשפּרייזט איבערן כנרת, און איר זאַפּט אין זיך איין די סימפּאַטישע טענער פון אירע שירים און אַ צאַרטע נשמה וואַרעמקייט שטראַלט איבער אייך און פון אייך.

אָבער אויך אין שויס פון דער נאַטור קאָן זי ניט פאַרגעסן די ליידן פון אונדזער פאָלק, אונדזער גייסטיקע ירידה פאַרביטערט איר לעבן און פאַרטונקלט די בלויקייט פון הימל, זי פּרעסט און דריקט איר געוויסן און באַפרוכפּערט איר מעלאַנכאָלישקייט, און דערהויבט זי צו אַלמענטשלעכער הויכקייט; זי באַקלאָגט אין אירע שירים די ליידן פון דער גאַנצער מענשהייט, וועלכע איז אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז אפילו אַ געפייניקטער פילט ניט דעם ווייטיק פון אַ צווייטן גע-פייניקטן:

"לא אח דוה לדוה!" און דער געפייניקטער זעט ניט די ליידן פון אַ צווייטן:

אט ומות הן מאז לקול הרעב
אזני נגיד ונדיב
אך למה אביון לא ראה ללב
של אביון אחיו?

(פון אייביק אָן זיינען די אויערן פון דעם נגיד און פילאַנטראָפּ פאַרשטאָפּט און הערן ניט דאָס קול פון דעם הונגעריקן, אָבער פאַרוואָס זאָל נישט דער אביון מיטפילן מיט די ליידן פון צווייטן אביון?)

רחל באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן מיט די אויגן פון אַ נביא. זי זעט די הערשאַפט פון געוואַלדטאַט און רויב, זי זעט ווי מעכטיקע באַרבאַרן טרעטן אויף די קעפּ פון די שוואַכע און באַשיידענע, און פון איר פאַרוואונדעטער ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ ביטערער יאוש-רוף „איך יחיה אדם?" „גורל הרש הוא דוי!" (ווי אַזוי קאָן דער מענטש לעבן? דער גורל פון אָרעמאַן איז ליידן!)

זי זעט די גלייכגילטיקייט וואָס הערשט אין דער וועלט צו די ליידן פון די געפייניקטע און אונטערדריקטע, און אַ ביטערע, גאַליקע פראַגע לעכערט איר מוח:

למה קר המבט, למה הלב אדיש
למה בצער האח לא יחד צערך?

(פאַרוואָס איז אַזוי קאַלט דער מענטשלעכער בליק, פאַרוואָס איז דאָס מענטש־לעכע האַרץ אַזוי גלייכגילטיק, פאַרוואָס זאָל דער צער פון דיין ברודער ניט זיין דיין צער?)

און פון מענטשלעכע לײַדן ביז צום וועלט־שמערץ איז נאָר אַ ווײַטקייט פון אַ טריט: רחל פאַרטיפט זיך אין דעם זין פון לעבן, זי באַמיט זיך צוצערײַסן דעם נעפּלדיקן שלייער אין וועלכן דאָס מענטשלעכע לעבן איז פאַרוויקלט, זי דערזעט די מיסטעריע פון דער וועלט און פון לעבן, און ווידער באַווײַזט זיך צו איר דער אומזעבאַרער פּאַטום; אַ דערשיטערטע פון דער מיסטעריעזער וויזיע, באַקלאָגט זי אונדזער לעבנס־וועג אין דער בייזער, ברוטאַלער וועלט:

מה עגום נתיב אדם בעולם הזועם!

(ווי טרויעריק באַטריבט איז דער מענטשלעכער וועג אין דער בייזער און ברו־טאַלער וועלט!)

אין די שרעקלעכע מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג באַקלאָגט זי איר אייגענעם טרויעריקן גורל און דעם מענטשלעכן גורל מיט פּשוטע, דורכזיכטיקע ווערטער, וועלכע ברויזן אויף איר נשמה, און דער גאַנצער תהום פון מענטשלעכע לײַדן אַנטפּלעקט זיך צו אייך מיט זיין גרויזאַמקייט און מיסטעריעזישקייט. דאַמאָלס באַהערשט זי ווידער דער פאַרלאַנג איבערצורײַסן דעם מיסטעריעזן פאָדעם פון לעבן און מיט איינמאָל מאַכן אַ סוף צו אירע לײַדן.

דאַמאָלס פאַרטיפט זיך רחל אין תנך, הויפּטזעכלעך אין דעם בוך איוב, און שעפּט פון אים קראַפט, דערמוטיקונג און פּאָעטישע אינספּיראַציע. דער תנך פאַרטרייבט פאַר אַ ווײַלע איר אומעט און טרויער, דער אומזעבאַרער, גרויזאַמער פּאַטום, וועלכער האָט זי פאַרפאָלגט, פאַרשווינדט פון אירע אויגן, און זי ווערט איבערפילט מיט אַ געהיימער, מיסטישער קראַפט, וועלכע גיט איר כוח איבער־צוטראָגן אירע יסורים; רחל גיסט אויס אירע נשמה־אויסגוסן פאַר דעם אומ־זעבאַרן „יש" פון דער וועלט, וועמענס מציאות איז זיכער ווי די ליכט (היש הבלתי נראה ודאי כאור), און זי באַהאַלט איר מידן קאָפּ אין זיין פייערלעכן בוזעם.

דער ספר הספרים האָט רחלען אינספּירירט און האָט באַפליגלט איר מוזע צו שאַפן די תנכישע געשטאַלטן פון: רחל, מיכל, יונתן און אליה, וועלכע צײַ־כענען זיך אויס מיט זייער קינסטלערישער געשטאַלטונג און רעליפקייט; און הויפּטזעכלעך געלינגט איר אָנצוצייכענען קורץ און טרעפלעך די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון די אויבן־דערמאָנטע ביבלישע געשטאַלטן. דורך זיי אַנטפּלעקט זיך רחל צו אונדז ווי אַ ראַפינירטער פּאָטרעטן־מאָלער און פּסיכאָלאָג.

און פון תנך איז נאָר אַ שפּאַן צו אמתער, האַרציקער רעליגיעזער דבקות: רחלס פּאָעזיע ווערט אַדורכגעדרונגען מיט טיפער און הויכער רעליגיעזיטעט און מיסטיק; איר נשמה גאַרט און לעכצט זיך צו באַהעפטן מיט דעם אין־סוף. אייניקע חדשים פאַר איר טויט, גיסט זי אויס איר האַרץ פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט אין פאָלגנדער תפילה: „אויב איך האָב מיין לעבן נישט געגעבן צו מיין פאָלק, זאָלן כאָטש די יסורים פון מיין לאַנגזאַמען טויט איבערבעטן גאָט, ווי דער טויט פון יפתחס טאָכטער; און ווען עס וועט קומען דער שניטער אָפּ־צושניידן מיינע צווייגן, זאָל כאָטש דאָס קול פון זיין האַק זיך אויסמישן און

צוזאַמענשמעלצן מיט די קולות פון געזאַנג פון מיינע מידע ברידער, וועלכע קערן זיך צוריק פון שלאַכטפעלד". (פרייע איבערזעצונג.)

רחל פילט, אַז דער שניטער, ד"ה דער מלאך המות, פאַכעט שוין מיט זיין שווערד איבער איר קאָפּ, און זי פילט, אַז אירע טעג זיינען געציילטע, אָבער זי איז נישט פאַרצווייפלט; זי זינגט וועגן טויט מיט פילאָזאָפישער רואיקייט, אין איר האַרץ פלאַקערט אַ מיסטעריעזער פאַרלאַנג זיך צו פאַרשמעלצן אין דעם מאָמענט פון יציאת נשמה, ווען עס וועט זיך אָפּשטעלן דער לעצטער אָטעם־צוג פון איר צאַרטן און קראַנקן קערפּער מיט אירע ברידער, די געפּייניקטע און אונטערדריקטע.

רחל פילט דעם קאַלטן ווינט פון טויט, וועלכער בלאָזט אין איר פּנים, און זי הערט זיין שעפּטשען: „הכוני אחות!" (גרייט זיך שוועסטער!); זי פילט ווי די אומענדלעכע נאַכט דערנענטערט זיך צו איר אין אַ מיסטישער פאַרלאַנג איבערפילט איר צאַנקענדע נשמה זיך צו באַהעפטן און פאַרשמעלצן אין דעם באָדן פון ארץ ישראל, וועלכן זי האָט געליבט, און באַזעלט מיט איר שווייס און בלוט; זי גאַרט און לעכצט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין מיליאָנען־מיליאַסן קערנדלעך פון בליענדן שטויב, וועלכע דורשטן און חלשן נאָך דעם ערשטן רעגן.

זי האָט געשטרעבט זיך צו פאַראייביקן דורך דער פאַרשמעלצונג פון איר גייסט און קערפּער מיט דעם באָדן פון ארץ ישראל און מיט די חלוצים וואָס באַאַרבעטן אים, ווייל אומענדלעך איז געווען איר ליבע צו בײדן, און אַ מיס־טישער גלויבן איבערפילט איר באַוואוסטזיין, אַז דורך דער פאַרשמעלצונג מיט דעם קאָסמאָס, דורך דעם באָדן פון ארץ ישראל, וועט זי באַגלייטן מיט איר בליק אירע מידע, אַרבעטנדע ברידער.

רחל איז אַוועק פון דער וועלט אין אירע בעסטע יאָרן. איר ליטעראַרישע ירושה איז ניט רייך אין כמות, און דאָך האָט זי פאַראייביקט איר נאָמען: אירע לידער ווערן געזונגען און זיינען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אירע ליידנדע, מידע ברידער, ניט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין דער דיאַספּאָרע, ווייל איר וואָרט איז באַהויכט און באַפליגלט פון דער געטלעכער שטימע, וואָס פלאַ־טערט אין די נאָבעלע מענטשלעכע הערצער פון דיכטער און מאַרטירער, און זי איז אַדורכגעדרונגען מיט דער באַרג־לופט פון הומאַניטאַרער הויכקייט.

---

דניאל פּערסקי

## דער שרייבער און פּראָצעס פון זיין שאַפן

דער אייגנטימלעכער פּרצוף פונם שרייבער באַשטייט דערהויפּט אין זיין אָפנהאַרציקייט. ס'איז נישאָ, דוכט זיך, עמעצער, וואָס זאָל זיין פאַרן צווייטן אַזוי אָפנהאַרציק, נישט באַהאַלטנדיק קיין קנייטש פון זיין נשמה — ווי ס'איז דער שרייבער.

אַ צווייטער שטריך ביים שרייבער איז זיין אויפכאַפּן די שיינקייט פונם לעבן. יעדער פּען־מענטש, יעדער וואָרט־קינסטלער צייכנט זיך אויס דערין.

דאָס לעבן איז שיין און אינטערעסאַנט אין אַלע פאָרמען און אין אַלע אָפּ־שפּיגלונגען; דער שרייבער שעפּט צוזאַמען מיט זיין אָטעם אויך די שיינקייט פונם לעבן, זוכט דאָס איבערצוגעבן אין זיין שאַפן. ער וויל איבערגעבן וואָס

**פינטשע בערמאַן**

# דאָס ליד פון לעבן

אין דעם רחבותדיקן גליטער
פון שפּע-פולע בייטן —
הער איך וויינען דאָרט פון ריטער . . .
הער איך יאָמערן פון קייטן . . .

אין דער פרייד פון דעם געלאַקטן
צו דעם טאַנץ פון בלויע פלאַמען —
כ'הער אַ וואָרט, אַ ניט געזאָגטן . . .
כ'הער די שטים פון שטומע שטאַמען . . .

אין דעם בייזן זשום-און-שיפען
פון דער האַק אויף שטיין אויף טומפן —
כ'הער פון בוים אַ שטילן כליפּען,
אַ געבעט פאַרשטיקט און דומפּן . . .

טראָגט דער ווינט אויף זיינע פליגלען,
מיט אַ שופר'דיקן שאַלן,
איבער בערג און איבער זעגלען,
אַ קוש צו דעם, וואָס איז געפאַלן . . .

בויגן זיך די קני פון יעגער
אין אַ תפילה פון פאַרגעבן —
גייט דאַן אויף אין אַלע הויכן
אַ געלייטערט ליד פון לעבן . . .

---

ער פילט און וואָס אַנטציקט אים. דערין באַשטייט דער פסיכישער פּראָצעס פון דער יצירה; דאָס איבערגעבן דעם וועג פון זיין גייסטיקן לעבן, וואָס איז נישט שטענדיק אין דער גלייכער ליניע, נאָר אויך אין זיגזאַגיקייט. אָט די אַרבעט פונם שרייבער פאָדערט פון אים כוחות. אמתע קונסט איז נישט אַזוי לייכט; אַ דערציילונג אָדער אַ ליד, וואָס דער לייענער כאַפּט אויף גאָר שנעל, איז נישט קיין סימן פאַר אמתער קונסט. אומגעקערט, עס מוז זיין אַן אויסגעשריי פון גליק אָדער פון צער און טיפן וויי, אָבער קיין קונסט איז עס נישט, פּונקט אַזוי ווי דער עסקיז פונם מאלער איז נאָך נישט קיין בילד, אַזוי ווי די ערשטע פּראָבע פון סקולפּטאָר איז נאָך נישט קיין בילד.

דער אמתער שרייבער איז קאַרג אויפן וואָרט. יעדע שורה האָט ביי אים אַ דעקונג; ער בייגט, שמידט און שמעלצט דאָס וואָרט, ביז ער וועבט צונויף אַלץ, וואָס מאַכט דעם לייענער ווי אַ שותף צו זיינע גייסטיקע איבערלעבענישן.

אויב ס'שפּילט דעם שרייבער די ליבע — גייט אים ס'האַרץ אַרויס אין אַ טאַנץ, און אויב ער איז אַנטוישט, ברענגט ער די אַנטוישונג אַרויס אין וואָרט און אין בילד. דער אמתער שרייבער טראָגט אויס זיין שאַפן, ביז סע ווערט איינגאַנצן צייטיק און רייף — און אָט אַזעלכע שאַפונגען זיינען טאַקע וואָגיק און מייסטעריש פאָפּולקאָמט, די שורות זיינען דאַן ווי פון שטיין אויפגעהאַקט.

יידיש: **ש. ע.**

ברכה קודלי

# האָראַ

פֿאַלן קלאַנגען פֿול מיט ברויז
פֿון פּייקל און פֿון פֿלייט,
פֿאַלט מיידלשער חן פֿון שוואַרצע קרויזן
אויף שימער פֿון ווייסן קלייד.

פֿול מיט אימפּעט און פֿול מיט שוואונג —
פֿלעכטן זיך הענט אין אַ רעדל,
ס׳יינגלט — ס׳מיידלט,
האָראַ טאַנץ איז אָנגעפֿילט מיט ביידן און מיט פֿרייד,
זאָל דער נאָמען פֿון ישראל
קלינגען ווייט און ברייט.

פֿון גערעאַנגל ביז גערעאַנגל
דורך בלוט און דורך פֿייער
ס׳איז אונדזער פֿאָלק, ס׳איז אונדזער גורל
תל־אביב, דו ביסט אונדז טייער.

אויסגעחלומט
אייגן און היימיש,
מיט וואָר און קערן רופֿט דאָס לאַנד,
לאָמיר טאַנצן אויף ברייטן שליאַך,
לאָמיר זיך לאָזן גיין באַנאַנד.

וויגן זיך זאַנגען אין ווייצן־פֿעלד,
פֿלאַטערט וואַרעם האַנט אויף אַקסל,
ווערט אַ טרייסט אין האַרץ צעהעלט,
שושקעט ליפּ צו ליפּ לחיים —
ירושלים, ירושלים.

פֿון נצחון ביז נצחון,
פֿון גאַר דער וועלט ביז ישראל,
געפֿלאָכטן האַנט אין האַנט.
טאַנצן אַ האָראַ די הבנים.
פֿנימער מוט און פֿנימער פֿרייד —
זיי שיקן אַ ברכה צום לאַנד —
זאָל דער נאָמען פֿון ישראל
קלינגען ווייט און ברייט.

ז. בונין

# איך בין אַ נשׂרף

איך בין אַ נשׂרף,
מיין האַרץ האָט אָפּגעברענט.
בין איך געבליבן אָבל׳דיק,
ווי נאָך אַ בראַנד
פאַרשרפהטע פיר ווענט.

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט:
אַ טויב אַ ווייסע אין אַ פרילינג־נאַכט
האָט אין מיין האַרץ
זיך איינגענעסטלט.
נאָר אין מיין שוואַרצער שעה,
האָט דער ראָב פון פּאָו
פון מיר זיך אויסגעלאַכט,
מיין שענסטן טרוים געלעסטערט.

אוודאי טוט ביר באַנג
אויף מיין פאַרפירטן האָפן,
ווי עס באַנגט דעם יעגער,
וואָס האָט אויסגעשאָסן
און זיין פייל אין ציל
האָט ניט געטראָפן.

## בערל סאטט קונסט אַלבום קאָמיטעט

אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך פאָרמירט אַ קאָמיטעט כדי אַרויסצוגעבן אַ קונסט־אַלבום פון דעם באַוואוסטן סקולפּטאָר, בערל סאטט. זיין ערשטער קונסט־אַלבום מיט 30 האָלץ־שניצערייען א״נ „שטעטל״ איז דערשינען אין ל.א. אין דעם יאָר 1947. זיינע וואונדערלעכע סקולפּטורן ווערן פאַרלאַנגט פון פאַרשיידענע באַוואוסטע קונסט־גאַלעריעס און מוזעאומס צום אויסשטעל און ווערן באַוואונדערט פון אַלע קונסט־מבינים. זיינע געשטאַלטן דערמאָנען אונדז פון יידיש שטייגער־לעבן אין דער אַלטער היים. פאַר אונדזער דור איז עס זיכער אַ הייליקער אָנדענק פון יידישן שטעטל, וואָס איז שוין, צום באַדויערן, מער נישטאָ.

אין דעם איצטיקן נייעם אַלבום ווערן אַריינגענומען די נייעסטע קונסט־שאַפונגען פון בערל סאטט, וואָס ער האָט במשך די לעצטע צען יאָר געשאַפן. ס׳וועט באמת זיין אַ צירונג אין הויז ביי די וואָס וועלן זיך דעם אַלבום פאַרשאַפן. מיט באַשטעלונגען פאַר דעם זעלטענעם קונסט־אַלבום, זיך ווענדן צום פינאַנץ סעקרעטאַר פון קאָמיטעט: ש. קארפמאן, 648 נאָרט האַרפּער עוו., לאָס אַנגעלעס, קאַליפ. — זע דוד זכאי׳ס אַרטיקל וועגן דעם קינסטלער בערל סאטט. — רעד.

ז. דויד

# דוד זכאי, רעדאַקטאָר פון „דבר״ וועגן דעם קינסטלער בערל סאַטט

אין קאַליפאָרניע האָב איך געזען אַ סך וואונדערלעכע זאכן. דאָס וואונדערלעכסטע צווישן זיי — איז דאָס, וואָס איך האָב געזען אין אַ קליין צימער פון אַ גרויסן קינסטלער אין לאָס אַנדזשעלעס. דער סקולפּטור בערל סאַטט שניידט אין האָלץ מעשה מיניאַטורן, אָבער זיי האַלטן אין איין אויפשטייגן און גרעסער ווערן אין די אויגן פון דעם וואָס קוקט אין זיי, ביז צו די מאָנומענטן וואָס האָבן הויך און מאָס. ער איז אין סוף פון מערב, אָבער זיין הארץ איז אין מזרח און ער באפעלט אויפן האָלץ צו זיין אַ לעבעדיק און בארעדעוודיק נפש און צו פאַרקערפּערן אלדאָס גוטע און שיינע, דאָס כשרע און גלייכע, דאָס תמימות׳דיקע און עניוות׳דיקע אינעם לעבן פון זיינע פאָלקס־קינדער אין זייערע שטעטלעך, ווי זיי זיינען ביי אים אויפגעהיטן און געדענקט דורכן בראשית־בליק פון דער קינדהייט. אָט איז אַ שבתדיקער שפּאַציר, און אַן אורח קומט אין שטעטל אַ תלמיד פאַרהערט זיך ביים רבין, אָט דער שוסטער, דער שניידער, דער וואסערטרעגער, די ליכטיקע תורה, ווייבער לייענען די צאינה־וראינה, אַ גרוי זאָגט „אמר ר׳ יוחנן״ אין תשעה באב, אַ קינד טראָגט נאָך דער מאמען דעם סידור אין שבת — דאָס גאַנצע שטעטל איז אויסגעשניטן און פאַרזיגלט מיטן חותם פון אמת פון דער גאַנצער קונסט און יעדער שטריך און קנייטש, באַוועגונג און בליק זענען באַלויכטן מיט תמימותדיקן חן, וואָס מאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ פון דעם באַקוקער.

איך ווייס זיכער, אַז יענער מוזעאום, וואָס וועט אריינעמען צו זיך די סעריע פון די דאָזיקע סקולפּטורן, וועט געלויבט ווערן, אַז ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַרן יידנטום, פאַרן יידנטום פון פוילן.

וועלן מיר דאָ זיין די זוכים אין דער גרויסער זאַך?

די דאָזיקע רייד, אומגעפער, האָב איך געשריבן פאר צען יאָר, נאָענט צו מיין באַזוך ביים קינסטלער. דורך אַ בריוו פון אַ פריינט, וואָס האָט אים איצט באַזוכט, בין איך אנגערעגט געוואָרן זיך ווידער אומצוקערן צו זיי. וויל איך עדות זאָגן אויף דער גערעכטיקייט פון די אַלע מענטשן פון לאַנד (פון ישראל), וואָס זענען געקומען קיין לאָס אַנזשעלעס, און אויך זיי האָבן געזען. על כל פנים וועל איך עדות זאָגן אויף יעקב כהן, דער פּאָעט. עס געדענקט זיך מיר נאָך די גאָר באַגייסטערטע רייד פון אליעזר ל. סוקעניק, וואָס ער, ז״ל, האָט געוואָלט זען ווי אַזוי אָט דער אוצר איז געוואָרן אונדזערס אַ קנין אין לאַנד. און דוד רמז, ז״ל, וואָס האָט עס געהערט, איז אויך געווען וואַרעם צום פאַרשלאַג. מיר ווילן דאָך דעם יונגן דור געבן אַן אמתן באַגריף, אַ קאָנקרעטן, פון דעם שטעטלס געשטאַלט. דער כלל פון דער זאַך און דער עיקר:

די, וואָס ווען אויפשטעלן אַ דענקמאָל דעם שטעטל וואָס איז מער נישטאָ, אַן אייביקן אָנדענק פאַרן פוילישן יידנטום! אָט איז דער דענקמאָל און דער זכר: איילט איך און לייזט אים אויס י ד ו ש ם, דער אמט פאַר דערציאונג און קולטור, אַ מעצענאט אָדער מעצענאטן פון פאָלק — אבי דער דאָזיקער טייערער אוצר סקולפּטורן פון קינסטלער סאַטט זאָל איינגעזאַמלט ווערן אינעם אוצר פון פאָלק — אין ירושלים.

יידיש, מ. ש.

י. פ.

# חשבון הנפש אין אונדזער קולטור-טואונג

(יידישער ציישונגס-וועזן; ניו-יאָרק; פּראָווינץ און זשורנאַל „חשבון“)

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר באַקומען אַ בריוול פון דעם חשבון יידיש-גע-לערנטן, שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג, אברהם גאָלאָמב, אין שייכות מיט אונדזער זשורנאַל "חשבון". דאָס בריוול האָט גורם געווען, איך זאָל באַרירן דעם ענין פון יידישן ציישונגס-וועזן אין דער פּראָווינץ בכלל און וועגן אונדזער גרויסער יידי-שער לאָס-אַנגעלעס בפרט. וויל איך דאָ ברענגען נאָר אַ פּאָר פראַגמענטן פון גאָלאָבמס בריוו, מחמת ס'האָט אַ גאָר נאָענטע שייכות צו אונדזער היגן יידישן ישוב און זיין קולטור-טואונג. ער שרייבט:

„חשובער פריינד פרידלאַנד — פריד אויף אייך און אַ דאַנק אייך פאַרן נומער „חשבון“. געבלעטערט אים און געלייענט צוויי מאָל: גלייך ווי ער איז אָנגעקומען און איצט נאָך אַמאָל.

אָבער ריידן וויל איך גאָר אָט וועגן וואָס: גוואַלד, ווי קענט איר אויס-קומען אָן אַ וואָכנבלאַט? עס איז דאָך אַ וויטיק (און אויך אַ בזיון) — י. פ.), אַז אַזאַ שטאָט ווי ל"א זאָל דאַרפן וואַרטן מיט אַ נאָטיץ ביז עס וועט קומען אַ ציישונג פון ניו-יאָרק. (און אַז עס קומט שוין יאָ אָן, איז עס אָפּט אחר-מעשה — י.פ.). זעט: דריי פּריוואַטע ציישונגען אין מעקסיקע און אַלע האַלטן זיך אויס פון אַנאָנסן און באַגריסונגען. מע דאַרף פּרובירן און עס וועט גיין. אַזוי קומט אויס אַ גרויסע יידישע שטאָט און אַ שטומע. און איר קענט עס מאַכן, ראַטעווען אַ יידישע שטאָט פון שטומקייט.

ותבא עליך ברכה.

אייער א. גאָלאָמב".

די זעלביקע טענה צו די יידן אין ל"א מכוח דעם ענין האָט אַרויסגעבראַכט דער דיכטער יצחק בערלינער ע"ה, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין זיין וועכנטלעכן קאָלום אין דער ציישונג „דער וועג“ (אויך פון מעקסיקע). צווישן אַנדערן זאָגט ער דאָרט:

„וואָס איז דער מער מיט די יידן אין לאָס-אַנגעלעס?

פאַרמאָגט דאָך ל"א אַ פיינע פּלעיאַדע פון יידישע דיכטער, דערציילער און זשורנאַליסטן, וואָס וויסן וואו איין און וואו אויס אין ענין פּרעסע און ליטעראַטור . . . פאַרוואָס נעמען זיי ניט די לייצעס אין דער האַנט . . . כדי דער וואָגן פון יידישן קולטור-לעבן זאָל ניט פאַרקריכן אויף קרומע וועגן? שפּיגלט דאָך אַ פּרעסע אָפּ דאָס פּנים פון אַ ישוב? . . .

עפּעס איז ניט פויגלדיק אין דער יידישער ל"א!"

יאָ, צום באַדויערן, איז ניט פויגלדיק, בנוגע דעם ענין פון יידישן ציישונגס-וועזן איבער דער גאַנצער יידישער פּראָווינץ אין אַמעריקע! חוץ ניו-יאָרק, זיינען כמעט איצט ניט פאַראַן מער קיין שום יידישע וואָכנשריפטן אין גאַנץ צפון-אַמעריקע.

ערשט בערך מיט אַ קנאַפּן צענדליק יאָר צוריק זיינען, אין די גרעסערע יידישע ישובים, דערשינען יידישע וואָכנבלעטער און אפילו טאָג-ציישונגען: ווי די "יידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע; "יידישע אַרבעטער וועלט" און „טעגלע-

כער קוריער" אין שיקאַגאָ; די „קאַליפאָרניער ייִדישע שטימע" אין ל. א. אָט די אַלע דערמאָנטע ייִדישע פּראָווינץ־צייטונגען זיינען שוין אַלע, צום באַדויערן, אויפן עולם־האמת. אַ צאָל פון זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ענגלישע אויסגאַבן, ווי אונדזער „קאַליפ. ייִדישע שטימע", אָן אַ שמץ פון אַ ייִדיש וואָרט אפילו. אַזוי אַז עס איז נישט נאָר אַ לאָס־אַנגעלעסער פּראָבלעם, נייערט עס איז אַ צרה־מדינה.

קומען מיר צום אויספיר, אַז ס'איז ניט בלויז דער גוטער ווילן און עקשנות וואָס ס'פעלט ביי די פירנדיקע ייִדישע קולטור־עסקנים. ס'איז מער ווי דאָס! ס'איז אַ פיל טיפערע סיבה, וואָס וואָרצלט, ראשית כל, אין דער אומבאַהאָלפנקייט, פון ניט קאָנען גיין קעגן שטראָם פון דער צייט, און ווי אַ פועל־יוצא פון דעם, זוכט מען זיך צו האַלטן אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד; והשנית, האָט מען שוין לגמרי פאַרלאָרן דעם בטחון אין דער מאַטעריעלער מעגלעכער אויסהאַל־טונג פון אַ לאָקאַלער וואָכנשריפט. צו וואָס מאַכן נאָך פאַרזוכן און ווידער פּרואוון, אַז מע ווייסט שוין פון פריערדיקע דערפאַרונגען, אַז מער ווי קיצור־ימים וועט דאָ אַ וואָכנשריפט ניט אויסהאַלטן!?

ס'ווערט אויך פאַר אונדז קלאָר, חשובער פריינט גאָלאָמב, אַז קיין פּריוואַטע אונטערנעמער (ווי ביי אייך אין מעקסיקע, ווי ליב און נאָענט עס זאָל זיי זיין דאָס ייִדיש וואָרט, וועלן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, מיט אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן מצב פון ייִדישן צייטונגס־וועזן, ניט אָנהייבן צו טראַכטן אפילו פון אַזאַ איג־וועסטירונג.

דער ענין איז ניט אַזוי פּשוט, פריינד גאָלאָמב! עס זיינען פאַראַן גאַנץ באַשטימטע, ספּעציפיש פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען אין דעם ייִדישן אַמעריקע, וואָס האָט דערפירט צו אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן און האַרבן מצב. ס'וואָלט זיך גע־פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין. הגם ס'איז שוין, ניט ווייניק, וועגן דעם געשריבן געוואָרן.

וואָס שייך די שרייבער גופא, ווי איר עצהט אונדז, „אַז מיר דאַרפן ניט וואַרטן אויף אַ איניציאַטיוו פון אַ זייטיקן מענטשן. זאָלן אָנהייבן די שרייבער אַליין, דער עולם וועט שוין קומען". וויל איך אייך זאָגן, אַז די שרייבער האָבן ניט דעם כוח, און ניט די מיטלען, פאַר אַזאַ איניציאַטיוו. פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז מיר'ן אָנשלאָגן זיך אין אַ שטיינערנער וואַנט.

דערלויבט מיר ציטירן אייערן אַ מאמר:

„מיר, ייִדישע שרייבער — זאָגט איר — זיינען איצט געגליכן צו אַ מאַמען וואָס וויל גיבן אירע קינדער עסן, און זיי ווילן בשום אופן ניט נעמען אַ לעפל אין מויל. בלייבט ווייטער די אַלטע קשיה: „למא אני עמל" איך בין זיך מודה, אַז מיר ווערט שוין אָפט מיאוס זיך צו שלאָגן אין פאַרמאַכטע טירן, וואָס איך וויים אַז מיר וועלן זיי ניט קענען עפענען. — אונטערשטראָכן פון י.פ.) קיין פּרושים וועגן דעם דאַרף מען ניט . . .

דאָס אַרויסגעבן פון אַ ייִדישער וואָכנשריפט אָדער אפילו אַ חודש־שריפט איז ביי אַ גאָר קליינעם טייל, דאָ, ניט מער ווי אַ פרומער וואונטש, און אפשר דאָס אויך ניט. די קליינע צאָל ייִדיש לייענער באַנוגענען זיך מיט די צוויי גרויסע ייִדישע טאָג־צייטונגען פון ניו־יאָרק. דער רוב מנין ובנין פון די ייִדן אין ל'א, וואָס אינטערעסירן זיך בכלל מיט ייִדישע ענינים, לייענען די ייִדיש־ענגלישע וואָכנשריפטן, וועלכע מיר האָבן דאָ *גאַנצע פיר*.

די שפראַך־אַסימילאַציע האָט לגמרי באַהערשט דעם רוב פון היגן יידנטום, דאָס אַפילו אויף אונדזערע גרויסע יידישע פאָלקס פאַרזאַמלונגען, ווערט פון די יידישע טריבונען י י ד י ש, כמעט ווי ניט דערמאָנט.

אויך בריוו, צירקולאַרן און מודעות פון יידישע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס באַווייזן זיך ס'רוב אין ענגליש, אין בעסטן פאַל, האַלב יידיש און „פּאַלאַווינע" ענגליש. אוודאי פילט דער ייד, מיט אחריות און באַצי צום יידישן וואָרט און קולטור, דעם גרויסן ווייטיק און באַליידיקונג פון פאַרדאַרבנדיקן מצב! זייער צאָל, צום באַדויערן, איז אָבער זייער קליין; ניט גרויס גענוג אַפילו אויפצוהאַלטן אָדער שטיצן דעם פערטל־יאָר זשורנאַל „חשבון", און אַרונטערנעמען, לכל הפחות, די מאַטעריעלע זאָרג פון די שרייבער גופא פאַר דער אויסגאַבע. צום באַדויערן האָבן די יידיש־יידן, אַ צאָל פון זיי גאַנץ פאַרמעגלעכע, כמעט ווי גאָרניט געטאָן פאַר דעם זשורנאַל. אונדזער חשובער פריינט מאַקס האָלצמאַן טראַכט יאָ עפּעס וועגן אַ פאָנד פאַר דעם זשורנאַל. לעת־עתה איז ער דער איינציקער נאָר.

פּאַראַדאָקסאַל ווי סע וועט צו אייך אויסזען, ווערט דווקא פון ל"א אַרויסגעצויגן צענדליקער הונדערטער דאָלאַרן, יערלעך, פאַר כלערליי צייטשריפטן, זשורנאַלן, ביכער און קולטור אינסטיטוציעס, פון דעם גרויסן יידישן ניו־יאָרק. האַלטן מיר עס, חלילה, נישט פאַר קיין עוולה! בשום אופן ניט! אָבער . . . ווארום אַזאַ גלייכגילט און קמצנות בנוגע אַן אייגענע, אַן אָרטיקע יידישע שריפט? . . . ווארום קוקן מיר כסדר אַרויף צו גרויס ניו־יאָרק, און דאָ האַלטן מיר זיך אַליין מער פּראָווינציעל ווי מיר זיינען עס באמת? . . . האָט ניו־יאָרק ווען עס איז עפּעס געטאָן פאַר דער פּראָווינץ, חוץ כסדר געפאָדערט און גענומען? . . .

גערעכט איז א. אַלמי, דער באַוואוסטער דיכטער און עסייאיסט, ווען ער ברענגט אַרויס דעם טרואיזם, אין שייכות מיט דעם ענין:

„צוליב דעם סנאָביזם מצד ניו־יאָרק לגבי דער פּראָווינץ און דעם אינפעריאָטעט קאָמפּלעקס ביים יידן אויף דער פּראָווינץ, איז פאַרנאַכלאָזיקט געוואָרן דאָס גייסטיק און קולטורעל יידיש לעבן איבער דער מדינה — אויסער ניו־יאָרק. די שאַפערישע יידישע כוחות אין די פאַרשיידענע קלענערע צענטערס (דער עיקר ליטעראַרישע) האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אַן אומגעהויערן שווערן וועג — פאַר אַ ביסל אָנערקענונג. אַ סך פון זיי זיינען אומגעקומען אין געראַנגל.

„פון וואַנען צו די יידן אין אַמעריקע האָט זיך גענומען אַזאַ באַציאונג צו דער פּראָווינץ, צו אַלץ, וואָס איז ניט ניו־יאָרקיש, איז שווער צו דערקלערן. אין דער אַלטער היים איז עס ניט אַזוי געווען. וואַרשע איז טאַקע געווען דער צענטער, אָבער לאָדזש, ביאַליסטאָק, לובלין און אפילו קלענערע קהילות, זיינען ניט געווען אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און וואַרשע האָט ניט געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין אַנדערע שטעט. אדרבא, מע האָט זיי אויפגענומען ווי גלייכע מיט גלייכע, מיט ליבע און וואַרעמקייט.

„אין מאָנטרעאָל, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, טאָראָנטאָ און לאָס־אַנגעלעס זיינען געווען — און זיינען דאָ — יידיש ליטעראַרישע כוחות — פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן און פּובליציסטן, וואָס ניט נאָר דאָס יידיש ניו־יאָרק, נאָר יעדע

ליטעראַטור און פּרעסע וואָלט שטאָלצירט מיט זיי. ס׳איז באמת אַ חרפּה וואָס מע דאַרף גאָר רעדן און דערמאָנען וועגן דעם״.

שוין באמת צייט, אַז אַזאַ גרויסער ישוב ווי לאָס־אַנגעלעס זאָל האָבן אַנט־וויקלט אַן אייגן פּרצוף־פּנים מיט אַן אייגן אָרטיק יידיש לעבן און ניט דווקא וואַרטן אויף אַלץ וואָס די גרויס מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק דענקט און טוט וועגן דעם אָדער יענעם ענין.

„טשאַריטי בעגינס עט האום״. לאָמיר, ראשית כל, שטיין מיטן פּנים צו לאָס־אַנגעלעס!

איינמאָל אנערקענען מיר דעם שווער־פּונקט און די אימפּאָטענצן אויף אַרויסצוגעבן דאָ הי אַ וואָכנשריפט אָדער, לעת־עתה, אפילו אַ חודש־שריפט, דאַרפן מיר, על פּי שכל הישר, אָנערקענען דעם פאַקט פון דעם שוין עקסיס־טירנדיקן פערטל־יאָר זשורנאַל „חשבון״, וואו דאָס יידיש וואָרט לאָזט זיך הערן און אונדזער ישוב איז ניט געבליבן יידיש־שטום גאָר אין גאַנצן! . . . זאָל דאָ, בכן, דערמאָנט ווערן, אַז „חשבון״ האָט פאַר זיך אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע. חוץ מזה וואָס ער באַמיט זיך צו באַהאַנדלען קולטור־פּראָבלעמען פון אונדזער אייגענער יידישער סביבה, איז זיין אויג און ציל געריכטעט צו דאָס אייגנאַרטיקע און ספּעציפיש קאַליפאָרנישעס. האָט טאַקע דער באַוואוסטער שריפטשטעלער, סאַלאמאַן קאַהאַן, דאָס ריכטיג אויפגעכאַפּט און טרעפלעך באַמערקט אין זיין רעצענזיע וועגן „קאַליפאָרניע אין ׳חשבון׳ ״, ד״ה ווי ווייט דער זשורנאַל שפּיגלט אָפּ דעם קאַליפאָרניער קאָלאָריט. ער זאָגט צווישן אַנדערן:

„׳חשבון׳ איז ראשית כל אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל. ער איז עס נישט בלויז דערפאַר ווייל ער דערשיינט אין קאַליפאָרניע.

„׳חשבון׳ איז אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל, ווייל ס׳איז אין אים דאָ דער אָטעם פון קאַליפאָרניע. אָט דאָס וואָס איז ווי אַ שטימונג ספּעציפיש קאַלי־פאָרנישעס. געפינט אַן אָפּשפּיגלונג און אַן אָפּקלאַנג. עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון ׳חשבונס׳ פּראָזע, און קלינגט שטאַרק אָפּ אין זיין פּאָעזיע״.

און דאָס וואָס איך מיין מיט דעם זאָג, אַז „חשבון״, חוץ זיינע אַלגעמיינע קענ־צייכנס און אַטריבוטן פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, האָט „חשבון״ אַ ספּעצ־יפישן קענ־צייכן אָדער חותם, וואָס ער איז אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל; מיט דער שטימונג, געמיט און אָטעם פון אונדזער קאַליפאָרניער העמיספער און סביבה.

בכן, ווען מיר ריידן וועגן זשורנאַלן בכלל, וואָס פאַרמעסטן זיך צו שטיין אויף אַ געוויסער ליטעראַרישער הויך, דאַרפן מיר, קודם כל, זען, וואָס די שריפט לאָזט אונדז הערן, וואָס זי לאָזט אונדז זאָגן: האָט דער באַטרעפנדיקער זשורנאַל אַ קולטור ליטעראַרישן ווערט און אַ באַרעכטיקט תכליתדיקע עקסיסטענץ? אָט דאָס זיינען די סאַמע עלעמענטאַרסטע פאָדערונגען פון יעדן זשורנאַל, און גאָר באַזונדער פון אַ זשורנאַל ווי אונדזערער, וועלכער דערשיינט אין דעם ווייטן, וויטן מערב, אין ל״א, וואָס איז אַ היפּשער מהלך פון דעם גרויסן יידישן צענטער ניו־יאָרק.

ווען איר וועט דורכבלעטערן די אַלע ביז איצטיקע דערשינענע נומערן פון „חשבון״, וועט איר זען, אַז מיר באַמיען זיך דער זשורנאַל זאָל טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אונדזער אייגן היגן לעבן און סביבה.

אמת, קונסט וויסט נישט פון אַ באַשטימטן געאָגראַפישן גבול: מיר לעבן אָבער דאָך אין אַ באַזונדער אייגנאַרטיקן ישוב, ווירקן אין אַ באַשטימטער סביבה און אין אַ טייל פון אונדזער מדינה, וואָס איז יונג־קאָמפּעריש און פּיאָנעריש, און מיט אַ סך נאַטור־רייכקייט! אונדזער יונגער יידישער ישוב האַלט זיך ערשט אין זיין אויספורעמען, איז אין דעם בראשית פון זיין אַנטוויקלונג, אַזוי אַז פאַר דעם דיכטער, דערציילער און היסטאָריקער, איז פאַראַן דאָ ווּיכטיקער מאַטעריאַל פאַר זיין שעפערישן טאַלאַנט.

מיר ווילן בכן זען, אַז אונדזער אייגן יידיש לעבן זאָל געפינען אַן אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון „חשבון" און עס זאָל אָפּשפּיגלען אונדזער ישוב און קאַלי־פאָרניע, ליטעראַריש, קולטורעל און קינסטלעריש.

דער יידיש־יידישער סעקטאָר דאַרף קומען אַנטקעגן מיט זיין מאָראַלישער און פינאַנציעלער הילף, דער איינציקער שריפט אויף יידיש, וואָס מיר האָבן דאָ אין דער גרויסער צעשפּרייטער יידישער לאָס־אַנגעלעס.

---

## מאי קא משמע לן, „חשבון"?

בעת מיר האָבן פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל, האָבן מיר — דער באַרימטער דיכטער ה. רויזענבלאַט ע"ה און אייער קנעכט, דער שרייבער פון די שורות — געטראַכט: וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דעם ניי־געבוירן קינד? . . . אויסגערעכנט דעם צעטל נעמען פון די זשורנאַלן, וואָס זיינען שוין דאָ, ביי אונדז, אַמאָל דערשינענע, ווי: „מעריב", „פּאַסיפיק", „זונלאַנד", „ליד", „אונדזער וואָרט", „קאַליפאָרניער יידיש לעבן", און ווּעלכע האָבן, צום באַדויערן, נישט געהאַט דאָ קיין אריכת ימים, האָבן מיר קיין איינעם פון די נעמען נישט געוואָלט אַקצעפּטירן אָדער באַנייען. מיר האָבן געטראַכט: „משנה השם משנה מזל".

מיר האָבן אויך געהאַט פאַרן אויג די נעמען פון די עקסיסטירנדיקע ליטע־ראַרישע זשורנאַלן, ווי: „קיום", „ווייטער", „זיין", „אויפסניי", „דווקא". אָט די נעמען, אין תוך גענומען, זיינען אַלע אויסן דעם זעלביקן ציל און די זעלביקע שטרעבונג, וואָס מע קען אויסדריקן אין איין, שוין צו אָפּט באַנוצטן כמעט שאַבלאָנעם וואָרט — ה מ ש ך . . . כ'מיין, אַז מע רעדט ביי אונדז וועגן „המשך" מערער וויפיל מע טוט . . .

האָט אונדזער חשובער דיכטער, ה. רויזענבלאַט ע"ה, פאָרגעשלאָגן: „חשבון"! אין פלוג, ניט טראַכטנדיק, כאַפּט מען אפשר אויף דאָס וואָרט חשבון, ווי אַ מאַטעמאַטישער סך־הכל. אָבער . . . יעדער בר־דעת קען עס זייער גרינג משיג זיין, אַז דער נאָמען „חשבון", פאַר אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, איז ווייט פון רעכענונג און געלט חשבון.

„חשבון" ווי אַ ליטעראַרישע שריפט מיינט: „חשבון הנפש", „חשבון העולם" און בעיקר, „חשבון הליטעראַטור"! ד"ה, ווי האַלטן מיר בכלל מיט אונדזער ליטעראַרישער באַלעבאַטישקייט? . . .

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע באַמערקונג אויפן סמך פון אַן אָנפראַגע: „וואָרום „חשבון"? וואָרום ניט „ה מ ש ך"? . . .

זאָל די אויבן־געבראַכטע אויפקלערונג גילטיק זיין ווי אַ תשובה אויך פאַר אַנדערע, וואָס פאַרלירן אפשר אַ ביסל שלאָף איבער דעם נאָמען . . . — רעד.

יצחק ניומאַן

# אליהו הנביא

(לכבוד פסח)

אין דער גאַנצער רייכער יידישער געשיכטע זיינען נישטאָ נאָך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלאָזן אַזאַ שטאַרקן חותם אויפן יידישן געוויסן, ווי משה רבינו און אליהו הנביא. משה רבינו איז ביים פאָלק געבליבן דער גרויסער העלד, דער באַפרייער, דער ערשטער נביא, דער געזעצגעבער און אויך דער לערער און רבי. אליהו הנביא, אָבער, שטייגט אַריבער אין דער פאָלקס־מחשבה העכער נאָך אפילו פון משה רבינו, אַזוי אַז אליהו הנביא ווערט די גרעסטע לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייט.

די פּאָפּולאַריטעט פון אליהו הנביא ביים פאָלק, האָט צו זיך קיין גלייכן. ער ווערט דער פאַבלהאַפטסטער וואונדער־נביא, און זיין אינדיווידואַליטעט נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון האַלב־גייסט האַלב־מענטש. זיין געשטאַלט גייט אַריין אין פאָלקס זכרון, וואָס האָט אים פאַרהייליקט, און באַטראַכט אים פאַר אַ געטלעכן מאַן. ער האָט געלעבט מיסטעריעז. גאָר פּלוצלינג איז געוועזן זיין אויפשטייג און פּלוצלינג איז געוועזן זיין פאַרשווינדן . . . נאָכן אַרויפגיין אין הימל מיט אַ שטורעם־ווינט, האָט זיך נישט געמינערט אָדער אָפּגעשוואַכט זייןווירקונג. פאַרקערט, זיין אַקטיוויטעט הויבט זיך ערשט אָן, זיין ביאָגראַפיע איז די אייבי־קייט אַליין ביז דעם סוף פון די דורות.

מערקווירדיק ווי דער כוח פון דער לעגענדע מאַכט אפילו דעם יידישן גאָט כמעט ווי אַ בשר ודם, וואָס איז נאָענט, היימיש, וואָס מיר בעטן רחמים צו אים. מיר ווענדן זיך אויס אונדזערע אויגן פאַר צער, ווי צו אַ פאָטער, ווי צו אַן עלטערן ברודער, וועלכער שטייט אין אונדזער דמיון ווי אַן אייגענער. אַנדערש איז מיט משה רבינו, וואָס מע רופט אים דער אדון הנביאים און וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ מלאך אלהים. אָבער נאָך העכער און הערלעכער שטייגט אים אַריבער אליהו הנביא מיט דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר דער הייליקסטער פון אַלע מלאכים. ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אליהו איז אַ מלאך בצורת אדם", ער האָט ניט קיין עלטערן, קיין משפחה. קיינער ווייסט נישט זיין וויגעלע, אויך נישט זיין קבר . . .

אליהו איז אפילו נישט געווען איינער פון די שריפט־נביאים. אָבער די נסים וואָס ווערן צו אים צוגעשריבן באַווייזן קלאָר דעם באַזונדערן צוּיבער צו אים. אַלע האָפענונגען זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו אליהו התשבי הגלעדי. אַזוי ווערט אליהו כמעט ווי אַ גאָט.

פיל פון די אגדה־ליטעראַטור איז געבויט אויף דעם גלויבן, אַז אליהו הנביא איז נישט געשטאָרבן. דער ספר מלכים דערציילט: „נאָכדעם ווי פיל נסים זיינען געווען מיט אים ווען ער האָט אַראָפּגעבראַכט פייער פון הימל אויפן באַרג כרמל, צו ווייזן דעם קעניג אחאב און דעם זינדיקן פאָלק, אַז יהוה און נישט בעל, איז דער אמתער גאָט, און ווען אלהיו זידלט אחאבן מיט זיין פרוי די מלכה איזבל, פאַר זייער צוריבן דעם וויינגאָרטן פון זייער שכן נבות און צושטעלן פאַלשע עדות כדי קענען צוריבן זיין וויינגאָרטן, און שפּעטער דעם בעל־הבית

נבות אָפּראַמען פון וועג, ברענט אליהו דאַן מיט צאָרן און וואַרפט דעם קעניג די דריי שפּיזיקע ווערטער: „הרצחת וגם הרשתה״ (געמאָרדעט און גערויבט). ווייטער רעדט דער נביא: „אַזוי זאָגט גאָט — דאָרט וואו די הינט לעקן דאָס בלוט פון דיין שכן נבות, וועלן די הינט לעקן דיין אייגן בלוט . . . ״

צוזאַמען מיט דעם עפּיזאָד בלייבט אונדז פון יענע טעג אַ גראַנדיעז בילד פון יענער איבערגאַנגס־פּעריאָדע צווישן דינען איין גאָט, און צווישן דינען פיל געטער, און דאָס איז דער גרויסער מאָמענט, ווען דער נביא אליהו שרייט אויס צום פאָלק: „ביז ווי לאַנג וועט איר שפּרינגען אויף צוויי זייטן?! אויב יהוה איז אייער גאָט, גייט נאָך אים, אויב בעל איז אייער גאָט, בלייבט מיט אים . . . ״ און אליהו רעכנט זיך נישט מיט דער סכנה פון זיין לעבן, ער פּילט בלויז דעם געטלעכן פונק, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין ריין האַרץ פאַר צדק, משפט און חסד, פאַר באַשיצן דעם שוואַכן, דעם געפאַלענעם, העלפן דאָרט וואו די הילף איז נויטיק, און קומט אין דער באַשטימטער צייט און אין באַשטימטן אָרט . . .

די דרייסטע און געוואַגטע שטראָף־רייד פון נביא דערצערנט איזבלען און זי וויל אים טויטן, און דער נביא אַנטלויפט און באַהאַלט זיך אין אַ הייל, און אויך דאָרט איז ער דער אמתער געטרייער גאָטס דינער. ער ווערט דער שומר ומציל פון יידישקייט. ווען אחאב, באַווירקט פון זיין ווייב, האָט פאַרבאָטן דאָס מל זיין יידישע קינדער, פירן די מאַמעס די ניי־געבוירענע יינגלעך באַהאַלטע־נערהייט צום הייל פון אליהון, און ער איז זיי דאָרט מקיים די מצווה פון מילה, פאַר דעם האָט אים דאָס פאָלק באַערט מיט אַן עקסטרא שטול ביי יעדן ברית־מילה, דער כסא של אליהו. עס ווערט אָנגענומען אַז ביי יעדן ברית געפינט זיך אליהו הנביא.

ווייטערדיקע נסים ווערן דערציילט, ווי גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן און געהייסן מאַכן אלישען פאַר אַ נביא. ווען אליהו איז אַריבער דעם טייך ירדן, איז אַראָפּ פון הימל אַ פייערדיקער פערד, און אליהו איז אַרויף אין שטורעם־ווינט, און זיינע תלמידים האָבן אים געזוכט און נישט געפינען, איז אַרויפגעטאָן געוואָרן אליהוס מאַנטל אויף זיין תלמיד אלישע, ווען ער האָט געאַקערט אין פעלד, און אלישע איז געוואָרן דער צווייטער וואונדער־נביא אויף אליהוס אָרט.

דער נביא מלאכי זאָגט נביאות: אייער משיח וועט קומען וועט גאָט שיקן אליהון פאַר דעם מבשר, דעם אָנזאָגער, אַז די אמתע גאולה איז געקומען. דער מדרש פאַרבינדט אים מיט די נסים וואָס וועלן געשען און רופט אים דער פויגל פון הימל, פונקט ווי אַ פויגל פליט אומעטום באַווייזט ער זיך דאָרט וואו מע דאַרף הילף. ער באַוועגט זיך אינקאָגניטאָ, אַמאָל אין געשטאַלט פון אַ בעטלער. דער גורל פון דער געשיכטע האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועגווייזער, און לעתיד לבוא וועט ער, אליהו, שטיין על פרשת דרכים צווישן גן־עדן און גיהנום. די פרומע נשמות וועט ער ווייזן די טיר צום גן־עדן און די זינדיקע נשמות וועט ער ווייזן די טיר צום גיהנום. אליהו שטייט אויך יעדן ערב שבת ביי דער טיר פון גיהנום, ער נעמט אַרויס די זינדיקע נשמות און פירט זיי צוריק מוצאי שבת, און פונקט צו דער הבדלה קומט ער אליהו הנביא אליהו התשבי . . .

פּסח ביינאַכט צום סדר פירט זיך, אַז מע גיסט אָן אַחוץ די ארבע כוסות אַן עקסטרא כוס, אַ פינפט כוס, לכבוד אליהו הנביא, ווען מע זאָגט אין דער הגדה דעם שפוך חמתך על הגוים און מ׳עפנט די טיר פאַר דעם געהויבענעם גאַסט,

**א. כראַבאַלאָווסקי**

# אַ לאַנגער רעפּעראַט מיט אַ קורצן סוף...

(וועגן יידישער דערציאונג)

מאָטאָ:

דער בעסטער מוסר איז דער וואָס מ'זאָגט זיך אַליין —
דער שענסטער הומאָר איז דער, וואָס לאַכט מיט געוויין.

יידישע דערציאונג אין אַמעריקע, בפרט ביי אונדז וועלטלעך-סאָציאַליס־טישע יידן, איז דאָס יתומל פון יידישן אַמעריקע. אָבער אין פאַרגלייך מיט שלום עליכמס יתום פון קאסרילעווקע, וואָס אים „איז גוט, איך בין אַ יתום" — איז דעם יתומל פון אַמעריקע אַך־און־ווי צו אים. געבוירן געוואָרן איז דאָס יתומל, ווי ביי דער זינדיקער טאָכטער אין פּרצס „שטריימל", אין אַ קעלער, אָדער אין אַ פּאַרלאָזטער קראָם. די חכמים פון אַמאָליקן „ווילענסקי אינסטיטוט" האָבן אים פאַרשריגן ווי אַ „רעקעט", אַ שווינדל, און באַרימטע סאָציאַליסטישע פּירער דאָ האָבן עס פאַרשמירט מיט שלעכטע נעמען, אַלע צוזאַמען האָבן אים, דעם יתומל, אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און אים אויף דער שוועל פון אַן אָנשטענדיק הויז נישט אַרויפגעלאָזט.

אויף דער גרויסער און ברייטער וועלט זיינען פאַרגעקומען מלחמות, רע־וואָלוציעס, חורבונות; יידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, מיט אַן אייגענער מדינה, אייגענער אַרמיי, אייגענע מיניסטאָרן, אייגענע מלחמות און אייגענע צרות. יידישע דערציאונג אין אַמעריקע איז אויפגעוואַקסן, האָט אַרויס־געשטעלט אַ פוס פון קעלער, אָבער איז מער נישט ווי פונם יתומל געוואָרן אַ גרויסער יתום. אויף די גרויסע שמחות, וואָס אַמעריקע פּראַוועט, לאָזט מען אים נישט אַריין; די גרויסע בלעטער פאַרשווייגן אים, ווי ער וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען, און די קליינע מאַכן נאָך די גרויסע; און אַליין איז ער עפּעס אַ „באַנטשע שווייג", נישט ער שרייט, נישט ער וויינט אויף זיין גורל. זעלטן נאָר לאָזט ער אַרויס אַ שטילן תחנונים־געבעט, למשל ווי אַ לייוויק־שול פון „פאַרבאַנד" אין ברוקלין, אָדער ווי אַ „בית ספר עמי" אין באָיל הייטס, ל. אַ., אים צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג, און באַקומט אַן ענטפער אַ קרעכץ און אַ זיפץ, וואָס העלפט אים ווי אַ טויטן באַנקעס. און אָט איבער דעם יתום האָט זיך אַמאָל דערבאַרימט אַ ייד, אַ שטיק דאָן קיכאָט, וואָס האָט פון סערוואַנטעסעס

זאָגט מען ברוך הבא אליהו הנביא איז דאָ. און ער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַ גאָר וואַזשנער גאַסט. עס קוקן די קינדער אויפן כוס וויין און דערוואַרטן דעם מיסטעריעזן וואונדער־נביא, וואָס געפינט זיך סימבאָליש אין דער נאַכט פון סדר אין אַלע יידישע הייזער. און די מחשבות פון די דערוואַקסענע ביים סדר טראַכטן, וועגן דער צייט פון דער גאולה שלימה, ווען אליהו וועט ווידער אָנזאָגן די בשורה פון ביאת המשיח און די וועלט וועט דאַמאָלט ווערן באַפרייט און פרידן וועט הערשן אין יענע אחרות הימים. דאָן וועט די וועלט פול ווערן מיט וויסן און סע וועט מקוים ווערן די נביאה פון „ומלאו כל ארץ דעה", אַלע ספקות וועלן אויפגעקלערט ווערן, אפילו וויפל כוסות מע טרינקט פסח צום סדר, פיר צי פינף. אויך אַלע אַנדערע תיקות וועלן קלאָר ווערן, ווייל תשבי יתרץ קשיות ובעיות, אליהו דער תשבי וועט פאַרענטפערן אַלע פראַגן און פּראָבלעמען.

צייטן אָן ביז איצט נישט אויפגעהערט מלחמה־צו־האַלטן מיט די ווינטמילן . . . און איז אַרויס מיט זיין גאַנצן „געשפּאַן" און קלאַפּערגעצייג צו מאַכן אַן איבער־קערעניש אין יידישן שול־וועזן מיט . . . אַ רעפּעראַט וועגן יידישער דערציאונג אין אַן אַרבעטער־רינג ברענטש.

* * *

האָט זיך אונדזער העלד, צוגרייטנדיק זיך צום רעפּעראַט, נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריער, אָנגעהויבן צו באַוואָפענען מיטן מעכטיקן כלי־זין פון ציטאַטן, זאָגעכצן, שרייבעכצן, ציפערן וכדומה, און וואָכן־לאַנג געקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשינקע און אויסגעקלאַפּט זייטן מיט זייטן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ דעסערטאַציע אויף אַ דאָקטאָר־טיטל, כדי צו ווערן אַ קאַנדידאַט פאַר דער היגער ביודאָ פון יידישער דערציאונג.

אָנגעהויבן האָט ער די דיסערטאַציע, כ'מיין דעם רעפּעראַט, ווי ער פירט זיך, מיט אַ קורצן אַריינפיר פון עטלעכע זייטן. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו די ציטאַטן, אויסגערעכנט אַלץ וואָס די חכמים האָבן געזאָגט וועגן דעם ענין, למשל:

א. מ ע נ ע ס: „וואָס פאַר אַ זין האָט די גאַנצע קולטור־אַרבעט, אויב מיר זיינען נישט בכוח צו דערציען אַ יונגן דור, וואָס ווייסט דעם באַטייט, וואָס די צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק לייגט אויף זיי אַרויף".

י. פּ ר י ד ל אַ נ ד (אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע"): „די יוגנט פון אונדזערע יידיש־וועלטלעכע קרייזן, אפילו די וואָס האָבן גראַדואירט פון אונ־דזערע שולן, זיינען נישט בנמצא אין אונדזערע קרייזן, אונדזערע יידישע פאַר־זאַמלונגען און קולטור־אָוונטן זיינען באַזעצט מיט אַ גרוי־קעפּיקער יידישער מאַסע".

ב. ש ע פּ נ ע ר: „מאַנכעס מאָל, גייענדיק בייטאָג צו אַ לעקציע אין אַ יידישער שול, ערגעץ אין ברוקלין אָדער אין די בראָנקס, דערזע איך שוין פון וויטן, וואו איך דאַרף אַריינגיין. ווען איך זע אויף דער פענצטערער גאָס אַ העל־באַלויכטענעם פענצטער פון אַ קעלער, ווייס איך דאָס איז עס . . .

— זיי מוחל, זאָג איך צו זיך, און גיי אַראָפּ. דאָרט אונטן וואַרט מען אויף דיר . . . "

י צ ח ק ו ו אַ ר ש אַ ו ו ס ק י: „קיינמאָל אין דער יידישער געשיכטע האָט אַ יידישער ישוב נישט אַזוי פאַרנאַכלעסיקט די יידישע דערציאונג ווי דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב. די אַסימילאַציע האָט אָנגענומען די פאָרם פון פולשטענדיקען עם הארצות".

אאַ"וו', א"אוו.

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב מורא פאַרן רעדאַקטאָרס אָפּעראַציע־מעסער — איז דאָ געגעבן באָר אַ וואָרט פון אַ גאַנצער קוואָרט. אין די אָרגינעלע „שריפטן" פון אונדזער מאָדערנעם דאָן קיכאָט האָט דאָס פאַרנומען אַ שיינע פאָר זייטלעך . . .

דערנאָך איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן פערדל פון סטאַטיסטיק. וויפל קינדער עס באַזוכן די שולן, וויפל מער אַנטלויפן פון די שולן; וויפל גראָשן ס'איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף יידישער דערציאונג פון ביליאָן דאָלאַר, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, טאַקע ווי י. ל. פּרץ האָט געזאָגט אין זיין „מאָניש": „פראַשבעס צו רענדלעך, תורה צו גראָשן".

נאָך דעם אַלעם זיינען געקומען אַזעלכע קאַפּיטלעך ווי: „דער יידישן חורבן און דאָס יידישע אַמעריקע", אויף אונדז אַליין ליגט די אחריות", „יידישע דערציאונג און דאָלאַר־יידישקייט", „דער אומזין פון יידישן אַמעריקע", אאַ"וו, אאַ"וו. צום סוף, ווי דער שטייגער, אַ שלוס־וואָרט.

אַזוי האָט זיך אונדזער העלד געגרייט און געגרייט מיט זיין דיסערטאַציע. געוואָרט לאַנגע חדשים, און ענדלעך איז דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג, כ'מיין נאַכט, געקומען. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט.

איר ווייסט מסתמא, אַז אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט אין אַרבעטער־רינג צינדט מען בּישט קיין ליכט און אַ חזן זינגט נישט „שלום עליכם", ווי אין „פאַרבאַנד". מע זינגט שוין אויך נישט א. ליעסינס „אַרבעטער־רינג הימן". דעם אמת געזאָגט, האָבן אונדזערע יידן אינגאַנצן פאַרגעסן צו זינגען. דערפאַר אָבער לייענט מען אַ סך פּראָטאָקאָלן. דער רעקאָרדינג סעקרעטאַר, וועמענס ביטערער גורל ס'איז די אַלע פּראָטאָקאָלן און צושריפטן פאַרצולייענען, דאַרף זיין אַן אמתער מעלה־גרה אַזוי פיל טרוקענע ווערטער צו צעקייען, און דאַרף זיין הונגעריק ווי אַ וואָלף, אַזוי פיל שווערע עברי צו פאַרשלינגען. דערנאָך קומט דער באַריכט פון האָס־פּיטאַלער, אַ באַריכטל פון די שולן, אַ לאַנגער באַריכט מיט אַ לאַנגער דיסקוסיע פון קעמפּ, אַ באַריכט פון דער פלאַנירטער נייער היים פאַר אַלטע מיטגלידער; דערנאָך הויבט זיך אָן אַ סדרה באַריכטן פון קאָנפערענצן, ווענ־דונגען און באַשלוסן וועגן שטיצע אאַ"וו. דאָס ציט זיך און ציט זיך, דער זייגער רוקט זיך און ס'איז שוין מיט מזל באַלד צען. איצט קומט ענדלעך די רייע פאַרצושטעלן דעם „לעקטשורער". אָבער דאָ הויבט זיך אויף אַ ליבער ייד מיט אַ „פּאָינט טו אָרדער", אַז ער דאַרף נאָך אָפּגעבן אַ באַריכט פון אַ זייער וויכטיקער קאָנפערענץ. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען געוויזן אַ „מואווי", וואו סידאָר בעלאַרסקי זינגט יבנה, יבנה, יבנה. דער באַריכט־אָפּ־געבער איז געווען אַזוי באַגייסטערט דערפון, אַז ער האָט פאַרגעסן ווי שפּעט ס'איז און איז זיך צעגאַנגען פון מתיקות, שילדערנדיק ווי פּראָזאַאיש דאָס איז געווען. דער ליבער ייד איז געווען אַזוי פאַרליבט אין וואָרט „פּראָזאַאיש", אַז ער האָט עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל: „מיט איין וואָרט פּראָזאַאיש", „ס'איז געווען וואונדערלעך פּראָזאַאיש", „פּראָזאַאישער ווי דאָס קען שוין נישט זיין" . . .

עס איז שוין געווען האַלב נאָך צען און ענדלעך, ענדלעך איז געקומען די לאַנג דערוואַרטעטע שעה פאַר אונדזער העלד און זיין אַרויסטריט מיטן לאַנגן רעפעראַט . . .

אָבער איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן, האָט שוין אַ העלפט פון עולם פאַר־לאָזן דעם מיטינג. די איבערגעבליבענע האָבן איינציקווייז זיך אָנגעהויבן אַרויס־צושאַרן פון מיטינג־זאַל. ווען אונדזער העלד האָט געזען, אַז ס'האַלט שלעכט מיט זיין אונטערנעמונג, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו ראַטעווען, אַרויסוואַרפנדיק די אַלע ציטאַטן, די סטאַטיסטיק צוזאַמען מיט די איבעריקע קאַפּיטלעך פון זיין דיסערטאַציע, אָבער ער האָט נאָך „אוספעיעט" פאַרן לעצטן ייד, וואָס איז פאַר־בליבן ביזן סאַמע ביטערן סוף, אַרויסצוואַרפן עטלעכע שורות פון שלוס־וואָרט, וואָס האָבן זיך אַזוי געלייענט:

„על חטא שחטאני . . . פאַר די זינד, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען אין דער

יוגנט, זיינען מיר היינט גייסטיק געבליבן אָן קינדער, אָן אַ יוגנט, אָן יורשים; אונדזערע ביכער, מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט, וואַלגערן זיך אין די קעלערס, אונדזער יידישע קולטור, פאַר וועלכער אַ גאַנצער דור האָט געאַרבעט און גע־קעמפּט, בלייבט פאַריתומט, און ס'וועט נישט בלייבן ווער ס'זאָל זיך איבער איר מרחם זיין; פאַר די זינד, וואָס מיר באַגייען איצט, אין אונדזער עלטער קעגן יידישער דערציאונג —

וועט אונדז די געשיכטע מיט אַן איכה באַקלאָגן —
און דער ווינט וועט נאָך אונדז קדיש זאָגן!"

---

פון דאַן אָן, דאַרף מען צוגעבן, איז שוין אוועק אַ שפּאָר שטיקל צייט. נישטאָ שוין מער דער „בית ספר עמי" פון „פאַרבאַנד" אויף סאַטאַ גאַס, נישטאָ שוין מער די „פאַראייניקטע מיטל־שול" מיטן קינדער טעאַטער, וואָס די גאַנצע וועלט האָט געשמט מיט זיי; פון די דריי אַרבעטער־רינג שולן איז געבליבן נאָר איינע; פון די דריי שולן ביים „פאַרבאַנד" — אויך נאָר איינע; פון קאָמיטעט פאַר די יידיש־העברעאישע וועלטלעכע שולן, אויף וועלכן מ'האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונגען, איז גאָרנישט געוואָרן.

איז דאָך שלעכט — פונדעסטוועגן טאָרן יידן — אויף דעם זיינען מיר דאָך יידן! — נישט אַריינפאַלן אין תהום פון שוואַרצן יאוש, ווייל אָט איז געשען ביי אונדז אַזאַ וואונדער:

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר באַשריבן אַ יידישע שול פון "קאָנגרעגיישאָן כנסת ישראל" מיט גאָרנישט קיין ליכטיקע פאַרבן. שטעלט זיך דעריבער פאַר אונדזער פריידיקע איבעראַשונג, ווען אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערזעען מיר אויף איינע פון די שטיינערנע ווענט פון דער גאַנץ־מאָדערנער שול־געביידע אַ פּראַכ־טיקן, עלעקטריש־באַלויכטעטעם מגן דוד, אונטער דעם — מיט גרויסע, אמת־יידישע אותיות, אויך עלעקטריש־באַלויכטן, דעם נאָמען כנסת ישראל. מיר זיינען חלילה קיינעם נישט חושד, אַז אונדזער מעשה האָט עמיצן משפיע געוועזן! . . . פאַרקערט, מיר זיינען אַ ביסל פאַרשעמט, וואָס מיר האָבן אויף אַ ווייל פאַרגעסן דעם גרויסן פסוק „לא אלמן ישראל", און מיר ווילן צוגעבן: „ולא למנה „כנסת ישראל" . . .

טרייסטן מיר זיך אַזוי: אויב דאָס האָט געקענט געשען מיט אַ שול אָן אַ יידישן אות אויף אַ הויפּט־גאַס אין גויאישן האָליוואוד — פאַרוואָס זאָלן מיר נישט האָפן און חלומען, אַז עמיץ פון אונדז, וואָס וועט בלייבן, וועט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגיין ערגעץ אין אַ יידישער שטאָט, אויף אַ יידישער גאַס, און דערזען ליכטיקע יידישע שולן, פּראַכטיקע מיטל־שולן מיט קינדער־טעאַטערס פאַר די קליינע, קונסט־טעאַטערס פאַר די גרויסע, און ס'וועט זיין, און ס'וועט בליען אַ יידיש לעבן

פאַרוואָס זאָלן מיר אין דעם נישט גלויבן, פאַרוואָס נישט חלומען?

---

## ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט
## פאַר דעם „חשבון"

---

א. באַביטש

# פעדער-שפּריצן

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: ביכער! ביי אונדז איז איצט הימל און ערד און ביכער! שוין לאַנג ניט געווען אַזאַ גערעטעניש! און מיר, די היגע קולטור־ניקעס, האָבן, ווי מע זאָגט אין גויאיש, „אָור הענדס פול". אָט איז די טעג אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט ביכער. דאָס נייסטע בוך, פון חיים גראַדע, „דער שול־הויף". חיים גראַדע האָט דאָ גראָד געגוג חסדים אין שטאָט, און מע וועט אים דאָס מאָל באַהאַנדלען ניט ערגער ווי לעצטן מאָל.

• • •

אין דער זעלביקער צייט זיינען אָנגעקומען, פון מיאַמי ביטש, צוויי באַשיידענע פּעקלעך. אינגאַנצן צו צען ביכער אין אַ פּעקל: דעם „לעבעדיקנס", "אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור". איין פּעקל פאַרן יידישן קולטור קלוב, און דאָס צווייטע צום אָפיס פון פאַרבאַנד.

• • •

יאָ, אַז מיר האַלטן שוין ביי ביכער — דאָ אין שטאָט, איך ענדלעך אַרויס נח גאָלדבערגס בוך דערציילונגען: "אויף צוואָרפּענע וועגן". מחמת שוין באַלד צוויי יאָר ווי נח גאָלדבערג האָט 'געסטראָשעט", אַז דאָס בוך גייט אַרויס. אַפּנים, אַז די אַרגענטינער פּעזאָס — האָבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן מיט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן. אָבער ענדלעך האָט זיך עס „אויסגעפּרעסט" און ס'איז אַרויס אַ פיינער, באמת אויסערלעך שיינער כמעט, אַ דריי הונדערט זייטיקער בוך מיט פיינע דערציילונגען, וואָס פאַרשעמען ניט זיינע ערשטע צוויי ווערק.

• • •

אליהו טענענהאָלץ האָט די טעג אַרויסגעגעבן אַ גרויסן „רעקאָרד", אַ „הײ־פיי", מיט זעקס פון זיינע בעסטע שלום עליכם פאַרלעזונגען.

• • •

אין פאַרלאַג „יידבוך" איז איצט אַריין אין דרוק וויליאם נאַטאַנזאָנס בוך א"נ „קולטור קוואַל", — פילאָזאָפיש־ליטעראַרישע עסייען. 320 זייטן.

• • •

דאָ אין שטאָט האָט זיך געגרינדעט אַ בוך קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַ באַנד־לידער פון דער טאַלאַנטירטער דיכטערין מלכה חפץ טוזמאַן.

• • •

דער רעדאַקטאָר פון „חשבון, י. פרידלאַנד, איז אויך ניט געזעסן ליידיק און קלייבט זיך אַרויסקומען מיט אַ בוך דערציילונגען. לאָס אַנגעלעס „קערט וועלטן"! . . .

• • •

דער ישראלדיקער הומאָריסט אפרים בשן (באשאן) זאָגט, אַז ישראל איז אַ מדינה וואו די מענטשן שרייבן העברעאיש, לייענען ענגליש און רעדן יידיש קיינער האַלט דאָרט ניט פון קיין נסים. אַלע נעמען דאָס אויף ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. דער גרעסטער נס איז נאָך אַלץ די זיכערקייט פון לאַנד.

אַ ישראלדיקער שרייבער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז משיח איז שוין דאָ אין לאַנד. אָבער פאַרוואָס איז נאָך נישטאָ די גאולה ? . . . אויף דעם ענטפערט ער, אַז משיח איז אַריינגעפאָרן אין ישראל אויף אַן אייזל. איז משיח אַוועק אויף איין וועג און דער אייזל אויף אַן אַנדערן. פאַר די מענטשן, וואָס גייען נאָך משיחס פוסטריט, פאַר זיי איז די גאולה שוין דאָ, פאַר די אַנדערע נאָך ניט . . .

• • •

מע האָט געפרעגט פּראָפעסאָר סדן אין ישראל, צי סע אמת, אַז שעקספּיר איז געווען אַ ייד ? — פאַר מיר — האָט סדן געענטפערט — איז גענוג, אַז ישעיה הנביא איז געווען אַ ייד . . .

---

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## ביכער און יובילאַרן

דער „לעבעדיקער" ח. גוטמאַן) איז געוואָרן אַ בן־שבעים. דער "לעבעדיקער" איז איצט אַ תושב אין מיאַמי, פלאָרידאַ, און האָט זיך דערוואָרבן דאָרט אַ גרויסע צאָל פריינט און פאַרערער. צו דער געלעגנהייט פון זיין 70־יאָריקן געבורנטאָג, און די דערשיינונג פון זיין נייעם בוך „פּאָמפּאַדור", איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכער יום־טוב. דאָס בוך איז דערשינען אין פאַרלאַג „ייד־בוך", בוענאָס־איירעס. 238 ז"ז.

תלוש (איסר מוסעלעוויטש), באַוואוסטער דערציילער און נאָוועליסט, איז אויך געוואָרן אַ זיבעציקער. לעצטנס איז זיינער אַ נייער בוך דערציילונגען דערשינען א"ט „מיין טאַטנס ניגון", אין פאַרלאַג „דער שפּיגל", בוענאָס איירעס, 1957. 320 ז"ז.

פישל בימקאָ, באַגאַבטער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, איז געוואָרן 65 יאָר אַלט. צום יובל זיינעם איז דערשינען אַ בוך פון אבא גאָרדין : „יידיש לעבן אין אַמעריקע אין ליכט פון פ. בימקאָס שאַפן". עס אַנטהאַלט 345 ז"ז. אַרויסגעגעבן דורך דעם שרייבער פאַראיין אין בוענאָס איירעס, אויפן נאָמען פון ה. ד. נאָמבערג.

רחל קאָרן, די באַוואוסטע דיכטערין און בעלעטריסטין, איז געוואָרן 60 יאָר יונג. די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, וואו די חשובע דיכטערין וואוינט איצט, האָט איינגעאָרדנט אַ ליטעראַטור־אָוונט לכבוד דער פייערלעכער געלעגנהייט. ס'איז אויך דערשיינען אירער אַ נייער בוך א"ט 94 דערציילונגען" פון איבער 300 ז"ז.

דניאל פערסקי, באַוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער, פּע־לעטאָניסט און שפּראַך־פאָרשער, איז געוואָרן אַ בן־שבעים.

אָסיפ דימאָוו, דראַמאַטורג, נאָוועליסט און עסייאיסט, איז געוואָרן אַ בן־שמונים.

אברהם זאַק, דיכטער און נאָוועליסט, איז געוואָרן אַ בן־שבעים.

י. י. טרונק, נאָוועליסט און עסייאיסט, איז געוואָרן אַ בן־שבעים.

יוסף באנק, פּאָעט און הומאָריסט, איז געוואָרן אַ בן־שבעים.

אונדזערע וואַרעמסטע ברכות צו די אַלע בעלי־היובלים — אריכת ימים און אומאיבעררייסנדע שעפערישקייט.

א. גאלאמב: „אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע דערציאונג" מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. וויינרייך, און אַריינפיר פון מחבר. אַרויסגעגעבן דורך דעם „קרייז פון ייווא־פריינט" אין ריאָ דע זשאַניירא, בראַזיל, 1957. 225 ז"ז.

פעסי הערשפעלד־פאַמעראַנץ: „רגעס פון גענאָד", אַ ניי בוך לידער פון דער דיכטערין, אין פיר אָפּטיילונגען: 1) „שטילער אָטעם"; 2) „פלעקן זון"; 3) „די כישופדיקע ווייט"; 4) „געקוילעטער נעכטן". דאָס בוך איז שיין אילוסטרירט. פאַרלאַג „ציקאָ", 1957. 185 ז"ז.

עליזה גרינבלאַט: „אין סי־געיט ביים ים", לידער. פאַרלאַג „עליזה", 1957. 12 ז"ז.

„אָפּקלייב": יערלעכע לידער אַנטאָלאָגיע, נומער 4, צוזאַמענגע־שטעלט און אַרויסגעגעבן פון דעם באַוואוסטן דיכטער, בעריש וויינ־שטיין. אין „אָפּקלייב" 4, זיינען אַריין לידער פון 39 יידישע דיכטער און אַנטהאַלט 60 זייטן.

נח גאָלדבערג: „אויף צעוואָרפענע וועגן". דאָס דריטע בוך פון דעם מחבר. אַנטהאַלט 23 דערציילונגען, פון דער אַלטער היים און פון אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פון אַ בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס, ביים פאַרלאַג „ייד־בוך" אין בוענאָס איירעס, 1958. 253 ז"ז. צו באַקומען ביים מחבר:

908 So. Normandie Avenue, Los Angeles, California

משה קנאַפּהייס: „100 סאָנעטן". דאָס אַכטע בוך פון דעם מחבר. דאָס בוך איז פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן. אילוסטרירט פון די קינסטלער שאול ראַסקין, דוד טושינסקי, יוסף ראַטנער־מירסקי. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינט צום 25־יאָריקן ליטעראַרישן שאַפן פון מחבר. פאַרלאַג „אילוסטרירטע ליט. בלעטער", בוענאָס איירעס, 1957. 238 ז"ז.

שלמה ראָזענבערג: „שלום אַש פון דער נאָענט", און ביבליאָ־גראַפיע פון דעם גרויסן קינסטלער ש. אַש, מיט בילדער פון זיין לעבן. דאָס בוך האָט 400 ז"ז.

חיים גראַדע: „דער שול־הויף", ניי בוך דערציילונגען, אַרויסגעגעבן פון דעם „יצחק זעמל פאָנד" אין נ.י. שער־בלאַט און צייכענונגען צו די דער־ציילונגען פון איליא שאָר.

• • •

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„אילוסטרירטע ליט. בלעטער", אַרגענטינע; „אַרגענטינער ביימעלעך"; „היימיש", ישראל; „קינדער זשורנאַל", נ. י.; „זיין"; „וויטער", נומ. 20; „אויפסניי", נומ. 18, נ. י.; „פריילאַנד", פאַריז; „די שטימע", מעקסיקאָ; „מעקסיקאַנער לעבן".

ש. מיללער (אונדזער בן־עיר) איז פּרעמירט געוואָרן פאַר זיין בוך „נעכטן" מיט דער מרדכי סטאָליאַר פּרעמיע, ביי „די יידישע צייטונג" אין בוענאָס־איירעס. אויך איז פּרעמירט געוואָרן, פון זעלביקן פאָנד, ד"ר ש. סימאָן פאַר זיין אויטאָ־ביאָגראַפישע נאָוועלע „וואָרצלען".

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנעמענט. וואַרט נישט מע זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. העלפט אויפהאַלטן די איינציק, יידיש־ליטעראַרישע שריפט אין לאָס אַנגעלעס.

## יידיש טעאַטער

דאָס יידיש טעאַטער האָט, פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, גאָרניט קיין גוטע מערכה, אפילו אין דעם גרויסן יידישן צענטער, ניו־יאָרק, על־אחת־כמה־כמה ביי אונדז אין דער ווייטער פּראָווינץ — ל. א. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט דאָ גאַסטראָלירט פאַר אַ לענגערער צייט די „ווילנער". פון צייט צו צייט פלעגט מאָריס שוואַרץ, מיט זיין קונסט טעאַטער, אַרומטערכאַפּן זיך אַהערצו אויף אַ פּאָר וואָכן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מ. שוואַרץ געמאַכט דאָ אַ פּאַרזוך אויפצופירן יידישע פּיעסן אויף ענגליש. דער באַזוך האָט זיך אָנהייב באַוויזן ניט איבעריק שלעכט, אָבער ניט גרויס געווען אָנצוהאַלטן אַ לענגערע צייט.

די שולד פון דעם קלעגלעכן מצב פון יידישן טעאַטער, דאַרף מען אפשר צושרייבן ניט אַזוי צום יידישן עולם, ווי בעיקר צו די שוישפּילער גופא. מע קען נישט האָבן קיין טענות צום עולם, ווען מע טראָגט אים אונטער פּיעסן, וואָס ער האָט שין געזען, מער ווי אַ האַלב־טוצן מאָל . . .

דערפאַר איז עס באמת געווען אַ גרויסע אָפּפרישונג, פון די צוויי גאַסטראָלירנדיקע קינסטלער גרופּן וואָס האָבן אונדז לעצטנס באַזוכט. די קינסטלער גרופּע, געשיקט פונם אַרבעטער רינג, און די גרופּע קינסטלער, פּרעזענטירט פון ייד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, מיט בען באָנוס בראש, וואָס האָט גאָר באַזונדערס איסגעצוימען ביים עולם: פּרעכטיק געזאַנג, ריינער הומאָר און פיינער שוישפּיל.

וואָס אָפטער אַזעלכע קונסט אָוונטן, און אונדזער יידישער עולם וועט עס געהעריק אָפּשאַצן און וועט אָנהייבן באַזוכן יידיש טעאַטער . . .

## ליטעראַטור אָוונט

לכבוד דער דערשיינונג פון נח גאָלדבערג נייעם בוך, „אויף צעוואָרפענע וועגן", איז דורכגעפירט געוואָרן אין יידישן קולטור קלוב אַ ליטעראַטור אָוונט, שבת דעם 22סטן פעברואַר, אונטערן פאָרזיץ פון רעדאַקטאָר פון „חשבון", י. פרידלאַנד.

אין פּראָגראַם פון אָוונט האָבן אָנטייל גענומען די ווייטערע דיכטער און שריפטשטעלער: מלכה טוזמאַן, הערי לאַנג, מענדל עלקין, וויליאם נאַטאַנזאָן, און ז. בונין; דער באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער אברהם זיגלבוים, האָט פאַרגעלייענט אַ דערציילונג פון נייעם בוך. עס זיינען געלייענט געוואָרן צוגעשיקטע באַגריסונגען צום מחבר, פון: ל. פיינבערג, פון פען־צענטער אין נ.י.; פון חיים פעט, מ. פּערלמוטער, נ.י.; י. ברזלי, ברכה קודלי, אסתר שומיאַטשער, יעקב זינגער, ל.א. לסוף האָט דער מחבר באַדאַנקט דעם קולטור קלוב פאַר איינאָרדענען דעם אָוונט, דעם גרויסן עולם, די געסט און די קאָלעגן. ביי יום־טובדיקע טישן איז דער אָוונט פאַרענדיקט געוואָרן אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג.

## לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

יעדן שבת־צונאַכט — יידיש ליטעראַרישע אָוונטן, מוזיקאַלישע קאָנצערטן, געדענק־אָוונטן פון יידישע שרייבער און יום־טובים פייערונגען.

יעדן מאָנטיק אָוונט — איינלייטונגען און שמועסן איבער יידיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור פּראָבלעמען. אַ צירקולירנדיקע ביבליאָטעק מיט די נייסטע ביכער, זשורנאַלן און צייטשריפטן. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקרעטאַר.

4213 Monroe Street, NO. 4-9325

# בריוו פון פריינד פון „חשבון"

ליבער פריינט א. כראבאלאווסקי, סעקרעטאַר:

איך שיק אייך דאָ 25 דאָלאר, און איך האָף, אַז נאָך לייענער פון „חשבון" וועלן זיך וואַרעם אָפּרופן אויף אייער ווענדונג, וואָס וועט מעגלעך מאַכן, אַז די פערטליאַר־שריפט „חשבון" זאָל קענען דערשיינען רעגולער.

אוודאי האָט די יידישע לאָס אַנגעלעס געדאַרפט שאַפן אַ שטיקל בודזשעט, וואָס זאָל פאַרזיכערן די רעגולערע דערשיינונג פון „חשבון". איר וואָלט געדאַרפט צונויפרופן אַ טוצן מענטשן אויף אַ באַראַטונג. דער „חשבון" איז דער איינציקער ליטעראַרישער זשורנאַל אויפן פּאַסיפישן ים־ברעג און ער פאַרדינט די אונטער־שטיצונג, פון דעם יידיש־רעדנדיקן סעקטאָר אין ל.א.

מיט פריינטלעכן גרוס, **מאַקס האַלצמאַן**

ליבער פריינד פרידלאַנד:

עס פרייט מיך זייער דאָס איר זיינט צוריק געזונט און ביי דער אַרבעט פון דעם זשורנאַל „חשבון". אין אייער כבוד וועגן וועט איר געפינען מיין טשעק אויף 10 דאָלאר פאַר דעם זשורנאַל „חשבון".

איך האָף דאָס אייערע פילע פריינט, און פריינט פון יידישן וואָרט, וועלן נאָכטאָן מיין ביישפיל און אַזוי אַרום נאָך מעגלעך מאַכן, אַז דער זשורנאַל זאָל אַרויס רעגלמעסיק. מיט די וואַרעמסטע גרוסן, **ה. סטערנפעלד**

**אויפמערקזאַם!** פּרויען לייען קרייזן, אַרבעטער רינג ברענטשעס, פאַרבאַנד צווייגן און אַבאָנענטן פון „חשבון". געוויסע פּערסאָנאַזשן האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז „חשבון" דערשיינט שוין מער נישט. ווילן מיר אייך בעטן, איר זאָלט זיך נישט צוהערן צי די, מיט אַ כוונה, פאַרשפּרייטער פון דעם שקר: ס'איז אַ פאַנטאַזיע פון אַ „ווישפּול טהינקער". דער זשורנאַל „חשבון" איז דאָ און ווערט וואָס אַמאָל אינטערעסאַנטער און באַפעסטיקטער. אויב ס'איז אייך ליב דאָס יידיש געדרוקטע וואָרט, און ווילט באמת, אַז ל.א. זאָל נישט בלייבן יידיש־שטום גאָר אין גאַנצן . . . טוט ווי די פריינט וואָס מיר דערמאָנען אין דער פאָלגנדער דאַנק־זאָגונג.

**דאַנקזאָגונג:** צו די פריינד: ה. סטערנפעלד, ד"ר בערמאַן, מאיר דראווזד, מאַקס האַלצמאַן, שלמה צוקערמאַן, ליזע און ווילי שאַר, פאַר זייערע ביישטייערן, און אויך די פריינד פאַר דער באַנייאונג פון זייער אַבאָנעמענט פאַרן „חשבון". — אַרויסגעבער פון זשורנאַל און רעדאַקציע.

---

ליבער חבר י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון חשבון: נעמט אָן מיין באַשיי־דענעם ביישטייער פון 10 דאָלאר לטובת דער פערטל־יאָר שריפט „חשבון", אויך אין כבוד פון אייער געזונט ווערן און אייער אומדערמידלעכער עקשנות, אָנצו־האַלטן און באַפעסטיקן דאָס יידיש געדרוקטע וואָרט אין לאָס אַנגעלעס.

מיט די בעסטע גרוסן,

שלמה צוקערמאַן

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"**